ל. ים.

צו דער פעראייניגונג פון בונד

מיט דער רוסלענדישער סאציאל-דעמאקראטישער ארבייטער פארטיי.

219

1907.

ביכער-פערלאג
„צוקונפט“
ווילנא.

ז 7 קאפ.

ל. ים.

צו דער פעראייניגונג

== פון בונד ==

מיט דער רוסלענדישער סאציאלדעמאקראטישער ארבייטער פארטיי.

ביכערפערלאג
„צוקונפט".
ווילנא.

Л. IАМЪ.

КЪ ВОПРРСУ ОБЪ ОБЪЕДИНЕНІИ БУНДА съ Р. С,-Д. Р. П.

Вильна, тип. Пирожникова, Завальная, № 1147.
1907.

* * *

דער פֿעראײניגונגס־צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבײטער־פּאַרטײ האָט אויסגעאַרבײט פּראָיעקטען פֿון פֿעראײניגונג מיט אײניגע נאַציאָנאַלע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, צווישען וועלכע עס רעכענט זיך אויך דער בּונד. די 7־טע קאָנפֿערענץ פֿון בּונד האָט פֿון איהר זייט אויך אויסגעאַרבּײט „אולטימאַטיווע פּונקטען" צוליב דיזער פֿעראײניגונג. דער 7־טער צוזאַמענפֿאָהר פֿון בּונד האָט אָנגענומען ניט די „אולטימאַטיווע פּונקטען" פֿון דער בּונדישער קאָנפֿערענץ, נאָר דעם פֿעראײניגונגס־אָבּמאַך פֿון דער „פּאַרטײ". די קאָנפֿערענץ האָט געמאַכט דעם ערשטען שריט: זי האָט זיך אָבּגעזאָגט פֿונ'ם פּונקט, אַז דער בּונד געהט אַריין אין די ר. ס.־ד. א.־פּ. אַלס דער אײנציגער פֿאָרשטעהער פֿונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט; דער צוזאַמענפֿאָהר האָט געמאַכט אַלע ווייטערע: ער האָט זיך, אַלענפֿאַלס פֿאָרמאַל, אָבּגעזאָגט פֿון זעלבּסטשטענדיגקייט אפילו אין אײגענע נאַציאָנאַלע אָנגעלעגענהייטען. אָנשטאָט דעם 4־טען „אולטימאַטיווען" פּונקט פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועלכער לויטעט: „די פּראָגראַם פֿון בּונד איז די פּראָגראַם פֿון דער ר. ס.־ד. א.־פּ., נאָר פֿאַר'ן בּונד ווערט אַנערקענט דאָס רעכט אײנצוהאַלטען זיין פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם VI צוזאַמענפֿאָהר פֿון בּונד", — האָט דער צוזאַמענפֿאָהר אָנגענומען דעם פּונקט פֿונ'ם פֿעראײניגונגס־צוזאַמענפֿאָהר, וועלכער לויטעט: „דער בּונד נעמט אָן די פּראָגראַם פֿון דער ר. ס.־ד. א.־פּ. בּ ע מ ע ר ק ו נ ג. די פֿראַגע וועגען דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם בּלייבּט אָפֿען, נעמענדיג אין אַכט, אַז זי איז אויף דעם פֿעראײניגונגס־צוזאַמענפֿאָהר ניט בּעהאַנדעלט געוואָרען". אָנשטאָט דעם „אולטימאַטיווען" 6־טען פּונקט פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועלכער זאָגט: „אַלע איבּערגערעכענטע פּונקטען קענען אומגעענדערט ווערען דורך די אַלגעמײן־פּאַרטײאישע צוזאַמענפֿאָהרען נאָר מיט

הסכם פון בונד", — ווערט אָנגענומען דער 6-טער פונקט פונ'ם פעראייניגונגס-אָבמאַך, וועלכער גיט ניט קיינע גאַראַנטיען אויף די ווייטערדיגע עקסיסטענץ פון בונד איבערהויפט.

מיט איין וואָרט, די קאָנפערענץ האָט אָנגעהויבען און דער צוזאַמענפאָהר האָט פערענדיגט. און יעצט האָט זיך שוין דער בונד „פעראייניגט" מיט דער ר. ס.-ד. א.-פּ.

לאָמיר נאָר זעהן, וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהען, וואָס האָט געצוואונגען דעם בונד זיך אונטערצוגעבען נאָך אַזאַ האַרטנאַקיגען קאַמפף, וואָס זענען די סבות, וועלכע האָבען ביי איהם אַרויסגערופען די נויטווענדיגקייט זיך צו „פעראייניגען" אויף די פאַרגעשלאָגענע בעדינגונגען פונ'ם „שונא".

I. *)

די מינימום-פּראָגראַם פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט אַלס ציעל צו פערזיכערען דעם אונגעשטערטען גאַנג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט צו דער פערווירקליכונג פון זיין פּראָגראַם — מאַקסימום, ד. ה. צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. צוליעב דעם צופאַלט זיך די מינימום-פּראָגראַם אויף אַ גאַנצע ריידע פון נעגאַטיווע און פאָזיטיווע אויפגאַבען. זי שטרעבט, ערשטענס, אָבצושאַפען אַלע די בעדינגונגען, וועלכע שטערען די נאָרמאַלע ענטוויקלונג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט און פערהאַלטען דעם וואוקס פון זיינע קרעפטען; צווייטענס, זעהט זי צו בעשאַפען אַזעלכע סאָציאַל-פּאָליטישע פאָרמען, ביי וועלכע דיזע קרעפטען זאָלען קענען דערגרייכען זייער העכסטע ענטוויקלונגס-שטופע. אַזוי, למשל, שטרעבט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון איין זייט צו פערקלענערען די עקספּלואַטאַציע, אויף וויפיעל עס איז מעגליך אין די גרענצען פון קאַפּיטאַליזם, און בעקעמפּפט דעם פּאָליטישען דרוק אין אַלע זיינע פאָרמען; פון דער אַנדערער זייט, שטרעבט זי צו שאַפען פערשיידענע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט

*) „דער נייער וועג" № 3—4 (פון 15 מאַי).

זאָל זיך קענען שטיצען אין זיין קלאַסען־קאַמפף, זי העלפּט מיט דעם ·ענטשטעהען פון אַזעלכע דעמאָקראַטישע מלוכה-אָרדנונגען, ביי וועלכע די אַרבייטער־אינטערעסען זאָלען זיין אַם העכסטען פּערזיכערט. נאָר פילע פון די נעגאַטיווע אַזוי אויך פילען פון די פּאָזיטיווע אויפגאַבען זענען ניט גלייך ביי די פּראָלעטאַרי־ער פון פערשידענע נאַציאָנען, ווייל פערשידען זענען ביי זיי אין די שטערונגען, וועלכע זיי בעגעגענען אויף זייער בעפרייאונגס־וועג, אי די קאָנקרעטע סאָציאַל־פּאָליטישע בעדינגונגען, וועלכע זיי דאַרפען זיך נאָך ערקעמפּפען פיר זייער נאָרמאַלער ענטוויקלונג. די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון דער אָדער יענער נאַציאָן, דער גאַנצער סכום פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעל־פּאָליטי־שע בעדינגונגען, אין וועלכע זי לעבט, די צוזאַמענשטעלונג פון די געזעלשאַפטליכע כּחות, וועלכע עס הערשט אין איהר, מיט איין וואָרט, די קאָנקרעטע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע סביבה, אין וועלכער עס קומט פאָר דער קאַמפף פון פּראָלעטאַריאַט, מוז אַרויספליִיגען איהר שטעמפעל אויף זיין מינימום־פּראָגראַם. און אָנצייכענענדיג די קאָנקרעטע בעדינגונגען פון זיין קלאַסען־קאַמפף, מוז די לעצטע אויף אַזאַ אופן אויסדריקען אין זיך ניט בלויז די אינטערנאַציאָנאַלע שטרעבונגען און אינטערעסען פון פּראָלעטאַר־יאַט, ווי די מקסימום־פּראָגראַם, נאָר אויך בעשטימטע נאַציאָנאַלע אויפגאַבען זיינע. און ווירקליך זעהען מיר, אַז די מינימום־פּראָ־גראַם פון דער אָדער יענער סאָציאַלדעמאָקראַטיע מוז נויטיגענדיג ווערען דער פאָלשטענדיגער אויסדרוק פון אַלע נאַציאָנאַל־עקאָנאָ־מישע אומשטענדען, אין וועלכע עס לעבט די אָדער יענע גרופּען פון דער אַלוועלטליכער אַרבייטער־אַרמיי; און דער אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער סאָצ.־ד.־יע בעשטעהט הויפּט־זעכליך אין דעם, ווי זאָל זי קאָנקרעטער און אַלזייטיגער אויס־דריקען אין איהר פּראָגראַם־מינימום יענעם סכום פון בעדינגונגען, וועלכע זענען נויטיג דעם פּראָלעטאַריאַט פון יעדער נאַציאָן צוליעב זיין נאָרמאַלער ענטוויקלונג און פאָלשטענדיגער בעפרייאונג.

דיזע פראַגע בעקומט איהר גאַנצע שאַרפקייט מיט'ן אַריינ־דרינגען פונ'ם סאָציאַליזם אינ'ם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטער־

דריקטע נאַציעס. דער לעצטער בעגעגענט אויף זיין בעפרייאונגס-
וועג אַזעלכע שטערונגען, וועלכע דער אַרבייטער-קלאַס פֿון די
בעפרייטע נאַציאָנען האָט שוין לאַנג אָבגעשאַפט; איהם שטעהט
נאָך פאָר צו בעשאַפען אַזעלכע בעדינגונגען פיר זיין נאָרמאַלער
ענטוויקלונג, וועלכע דער ערשטער האָט שוין לאַנג זיך ערקעמפפט;
און צושטעהענדיג צו דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, הויבט דע-
רום אָן דער פראָלעטאַריאַט פֿון אַ פערקנעכטער נאַציאָן אונטערצו-
שטרייכלען אין איהם זיינע ספעציעלע אויפגאַבען. די ערשטען
צייט בעגרענצט ער אָבער זיך נאָר מיט נעגאַטיווע אויפגאַבען.
ער הויבט זיך אייף צום קאַמפף געגען אונטערדריקונג, געגען דעם
יאָך פֿון קנעכטשאַפט. אין דער פֿאַזע פֿון זיין קאַמפף האָט ער
באַלד אַלס אַ פערבינדעטען דעם פראָלעטאַריאַט פֿון דער הערשענדער
נאַציאָן: פֿון קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג ליידען מעהר אָדער
ווייניגער אַלע פראָלעטאַריער, די ריינע נעגאַטיווע אויפגאַבען פֿון
קאַמפף שטעלען נאָך אַזוי ניט העל אַרויס די בעזונדעראַרטיגקייט
פֿון זייערע אינטערעסען, און זיי געהען אַלע אַרויס אויפ'ן שלאַכט-
פֿעלד, געפינענדיג זיך אין איינע און די זעלבע רייהען. אין דער
צייט שטעלט נאָך ניט אַוועק דער אַרבייטער-קלאַס פֿון דער אונ-
טערדריקטער נאַציע די פֿראַגע וועגען זיין ווערט אין דער „אַלגע-
מיינער“ בעוועגונג. ער שטרעבט נאָך ניט בעוואוסטזיניג צו
אַ זעלבסטשטענדיגען אַנטייל אין דעם סאָציאַל-פּאָליטישען קאַמפף.
נאָר יאָס מעהר און טיעפער עס פערהאַפט איהם דער רעוואָלו-
ציאָנערער סאָציאַליזם, וואָס טיעפער עס ווערט זיין בעוואוסטזיין,
אַלץ מעהר הויבט ער אָן צו פערשטעהן, אַז אַלע גרופען פֿון
פראָלעטאַריאַט זענען פאַר דעם סאָציאַליזם גלייכווערטיג, אַז קיין
גרופע קען מען ניט בעטראַכטען אַלס אַ ווייניגער ווערטען-טייל
בנוגע צו אַנדערע, וועלכע זענען כלומר'שט דאָס „גאַנצע“. עס
ווערט ביי איהם געבאָרען די שטרעבונג צו פערנעמען אַ גלייכבע-
רעכטיגטען אָרט אין דער אַלוועלטליכער אַרבייטער-אַרמיי. פֿון
דער אַנדערער זייט ברייננגט שוין די ענטוויקלונג פֿון קאַמפף זעלבסט
צו דער נויטיגקייט אַרויסצושטעלען פּאָזיטיווע אויפגאַבען; עס
הויבט זיך שוין אָן דער קאַמפף ניט געגען בעדינגונגען פֿו

קנעכֿטשאַפֿט נאָר פֿיר בעדינגונגען פֿון פֿרייהייט. דיזע בעדינגונגען קען אָבער שוין פֿיהלען און בעשטימען דער פּראָלעטאַריאַט פֿון יעדער נאַציאָן בעזונדער. דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער הערשענדער נאַציאָן קען ניט פֿיהלען דאָס, וואָס עס פֿעהלט פֿיר דער אינערליכֿער ענטוויקלונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון דער אונטערדריקטער נאַציאָן, און פֿערהאַלט זיך דערום צו די נאַציאָנאַלע בעדערפֿנישען פֿון דעם לעצטען אָדער פֿיינדליך אָדער גלייכֿגילטיג. דערצו איז ער נאָך צוגעוואוינט געוואָרען צו בעטראַכֿטען זיך אַלס דעם מיטעלפּונקט פֿון דער בעוועגונג איבערהויפּט. כּדי דורכֿצופֿיהרען זיינע פֿאָרדערונגען, כּדי פֿיר זיך צו בעשאַפֿען אַלע בעדינגונגען פֿאַר זיין ווייטערדיגען וואוקס, מוז שוין דער אַרבייטער-קלאַס פֿון דער פֿערקנעכֿטער נאַציאָן זיך עטוואָס אָבגרענצען, זיך אַרויסטיילען אין אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָן. און בעטראַכֿטענדיג זיך שוין אַלס אַ גלייכֿבערעכֿטיגען און גלייכֿווערטען טייל פֿון דעם אַלוועלטליכֿען פּראָלעטאַריאַט, הויפּט ער אָן שטרעבען צו אַ פֿעדעראַטיווער פֿעראייניגונג מיט'ן אַרבייטער-קלאַס פֿון דער הערשענדער נאַציאָן. די ס-ד-יע פֿון דער לעצטער קעמפּפֿט אַ געוויסער צייט געגען דיזע שטרעבונגען. נאָר וואָס ווייטער עס געהט די ענטוויקלונג פֿונ'ם קלאַסען-בעוואוסטזיין אין דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון דער הערשענדער נאַציאָן, וואָס שטאַרקער און זעלבסטבעוואוסטער עס ווערט דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער אונטערדריקטער, אַלץ נעהנטער קומט די צייט פֿון געגענזייטיגען פֿערשטעהען, און דער פֿעדעראַטיווער פּרינציפּ ווערט אַלץ מעהר דער יסוד, אויף וועלכֿע עס ווערט געבויט די פֿעראייניגונג. נאָר דאָ זעהען מיר, אַז דער הסכּם אויף דעם פֿעדעראַטיווען פּרינציפּ ווערט פֿערגיכֿערט אָדער פֿערשפּעטיגט, אַבהענגיג פֿון די קרעפֿטען-פֿערהעלטניסע צווישען דער אונטערדריקטער און הערשענדער נאַציאָן: וואָס די ערשטע איז שטאַרקער, אַלץ גיכֿער ווערט אַנערקענט פֿאַר איהר פּראָלעטאַריאַט דאָס רעכֿט אויף פֿעדעראַטיווע פֿעראייניגונג.

די ריכֿטיגקייט פֿונ'ם אַרויסגעזאָגטען ווייזט זיך אַרויס אין עסטרייך און בעזונדערס אין רוסלאַנד.

שפּרינגער דריקט זיך, דוכט זיך, אין איין אָרט אויס, אַז איינע פֿון די שווערינקייטען פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם אין עסטרייך בעשטעהט אין דעם, וואָס די עסטרייכישע פֿעלקער זענען גלייך שטאַרק און גלייך שוואַך, ד. ה. קיינע פֿון זיי קען צו זיך ניט איבערציהען די גאַנצע מאַכט, קיינע פֿון זיי קען אָבער ניט ארויסגעשלאָגען ווערען פון זיינע פּאָזיציעס. דערינען ליגט, אמת, די שווערינקייטען פֿון דער פּראָבלעם, נאָר דאָ ליגט אָבער אויך די ערבית, אַז די פֿראַגע וועט גיכער געלייזט ווערען אין זין פֿון גערעכטיגקייט. עס וועט זיך מוזען איינשטעלען אַ גלייכגעוויכט צווי-שען אַלע פֿעלקער, זיי וועלען זיך מוזען צווישען זיך אַלע פֿערבינדען און לעבען בשלום, ביי פֿולער פֿרייהייט. דאָס לעצטע קומט שוין פֿאָר ביים פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע עסטרייכישע נאַציאָנען. די עסט-רייכישע אַרבייטער-פּאַרטיי איז געבויט אויף דעם פֿעדעראַטיווען יסוד. אַלע אַרבייטער גרופּען פֿון די עסטרייכישע פֿעלקער זענען זעלבסטשטענדיג אין אַלע פֿראַגען, זיי זענען אָבער צווישען זיך פֿעראייניגט אין איין אַרבייטער-בונד. דאָס קומט אַרויס דערפֿון, וואָס קיין פּראָלעטאַריאַט פֿון איין פֿאָלק איז דאָרט כמעט ניט שטאַרקער פֿון די אַרבייטער פֿון דער אַנדערער נאַציאָן. די קרעפּ-טען-פֿערהעלטניסע האָבען געבראַכט צו פֿעדעראַציע. און נאָר אין איין פֿאַל איז די קרעפּטען-פֿעהעלטניסע ביז אַהער געוועזן ניט גינסטיג ניט בלויז פֿיר פֿעדעראַטיווער פֿעראייניגונג, נאָר פֿיר פֿעראייניגונג איבערהויפּט: דאָס איז בנוגע צו דער אידישער אַרבייטער-בעפֿעלקערונג פֿון גאַליציען. די לעצטע איז נאָך אַזוי שוואַך, אַז מען וויל זיך מיט איהר אפילו ניט רעכענען. זי וויל מען נאָר איינשלינגען.

נאָר אַנדערש זענען די פֿערהעלטניסע אין רוסלאַנד. עס זענען בעקאַנט פּלעחאַנאָוו'ס ווערטער, אַז אין רוסלאַנד וועט די רעוואָלוציע בעזיגען נאָר אַלס אַ אַרבייטער-בעוועגונג. זעלבסטפֿער-שטענדליך, אַז אויף אַזאַ אופן מוז די הערשענדע ראָליע אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציע געהערען דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט, אַלס דעם צאָהלרייכסטען און אָנגעהריגען פֿון דער הערשענדער, גרעסטער און שטאַרקסטער נאַציאָן אין לאַנד. דער רוסישער

ארבייטער=קלאַס איז אָבער ביז די לעצטע צייטען געוועזען אונבע=
וואוסט און דערום פאַקטיש אויך די שטיצע פון דער זעלבסט=
הערשונג. דאָס האָט בעשטימט די בעזונדערע לאַגע פון דער
רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. פאָראויספיהלענדיג איהר קינפטיגע
מאַכט, האָט זי אָבער געפיהלט איהר געגענוואַרטיגע שוואַכקייט.
זיך אַ נאָמען געבענדיג „רוסלענדישע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע אַר=
בייטער=פּאַרטיי“, מיט וואָס זי האָט אויף אַזא אופן פּרעטענדירט
צו זיין די אָנפיהרערין פון דער גאַנצער רוסלענדישער אַרבייטער=
שאַפט, איז די רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, ווי עס דריקט זיך
אויס פּאָסע, נאָך געווען ווייט פון זיין די אָנפיהרערין אפילו
פון דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט. בעטראַכטענדיג זיך אַלס אַ „גאַנ=
צעס“, וועלכעס דאַרף און מוז פערשלינגען די „טיילען“, — די ס=די=שע
אָרגאַניזאַציעס פון די אונטערדריקטע נאַציאָנען אין רוסלאַנד, — האָט
זי נאָך דערווייל פאַקטיש געמוזט זוכען איהר שטיצע אין דער ניט=
רוסישער אַרבייטער=בעפעלקערונג. דאָס אַלעס האָט זי געמאַכט
בעזאָנדערס איפּער צו די ספּעציעלע פאָדערונגען פון די נאַציאָ=
נאַלע ס=דישע אָרגאַניזאַציעס, דאָס ערקלערט איהר שרעקליכען
עקשנות אין די פראַגע מכוח וואָסערע ס'איז הנחות צו זיי. זי
האָט מורא געהאַט ארויסצולאָזען די דערווייל איינציגע שטיצע פון
איהר געזעלשאַפטליכער מאַכט.

אין גאָר אַ אַנדער לאַגע האָט זיך געפונען דער אידישער
פּראָלעטאַריאַט: ער איז דער שוואַכסטער אין רוסלאַנד — און דאָך
האָט ער אַ שטיק צייט פערנומען דאָס אָרט פון כמעט דעם איינ=
ציגען אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. אַלס דער
אונטערדריקסטער, האָט ער געמוזט פריהער אריינגעצויגען ווערען
אין רעוואָלוציענערען קאַמפף, אַלס דער קולטורעלסטער האָט ער
גיכער געקענט אויפפאַסען די רעוואָלוציאָנערע אַנשויאונגען. דערום
האָט זיך אַלץ פערגרעסערט די ווירקונג פון אידישען פּראָלעטאַריאַט
אויף די רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער פון לאַנד, דעריבער האָט דער
„בונד“, דעמאָלט ווירקליך דער איינציגער פאָרשטעהער אי פון אידי=
שען פּראָלעטאַריאַט, אי כמעט פון דער רעוואָלוציע אין לאַנד,
געמוזט שפּילען אַזא וויכטיגע ראָליע אין דער ס=ד=ישער בעוועגונג,

און כל זמן דער אידישער פראָלעטאַריאַט איז געשטאַלט פֿון בונד האָט זיך נאָך געהאַלטען ביי די אַלגעמיינע ליבעראַל־בורזשואַזע פֿאָדערונגען אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, איז ער פּאַק־טיש געווען דישטיצע פֿון דער רוסישער ס.ד.־יע, האָט גאָר פֿון איהר ניט געפֿאָדערט, און זי האָט מיט איהם דעריבער גע־לעבט בשלום. נאָר די אָרגאַניזאַציאָנע לאָגיק פֿון בונד און זיין אָרגאַניזאַציאָנער פאַטריאָטיזם האָט איהם געמוזט ברייגען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. ערשטענס, האָט שוין די פּאָליטישע ענטוויקלונג פֿון אידישען פראָלעטאַריאַט דערגרייכט אַזאַ שטופע, אַז די „טעאָריען” פֿון בונד האָבען איהם שוין אויפֿגעהערט צו בעפֿרידיגען. צווייטענס, האָט די רוסישע ס. ד.־יע אַלץ מעהר און מעהר אַרויסגעוויזען איהר חשק צו פֿער־שפרייטען איהרע פֿליגעל אויפ'ן אידישען פראָלעטאַריאַט: דער רוסישער איז נאָך פּאָליטיש געשלאָפֿען, די פראָלעטאַריער פֿון די אַנדערע נאַציאָנען זענען צו שטאַרק און צו ווייט, און נאָר דער אידישער אַרבייטער איז פֿיר איהר געווען דער איינציג פּאַסענדער עלעמענט. און כדי צו פֿערהיטען זיין אָרגאַניזאַציאָנע עקסיסטענץ פֿון אינוועניג און פֿון דרויסען, כדי צו בעפֿרידיגען די מאַסען און בעקומען אַ תירוץ פֿאַר דער ר. ס.־ד. א.־פּ. ווערט טראַנספאָרטירט פֿון עסטרייך די צוקאַלעצעטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פֿון בונד. זי האָט געזאָלט זיין פֿון איין זייט אַ קמיעה געגען די אונצופֿרידענהייט פֿון די מאַסען, וועלכע האָבען געפֿאָדערט אַ ענטפֿער אויף די „פֿערשאָלטענע פֿראַגען”; זי האָט פֿאַר דער ר. ס. ד. א. פּ. געזאָלט דינען אַלס אַ בערעכטיגונג פֿיר די עקסיס־טענץ פֿון אַ בעזונדערער אָרגאַניזאַציע ביים אידישען פראָלעטאַריאַט.

אין אַלגעמיין זענען די פּאָזיציעס פֿון די „שטרייטענדע” דאַן געווען די פֿאָלגענדע: די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פֿאַקטיש דערוואַיל צו אָפּעריִרען איבער איין עלעמענט — דעם אי־דישען אַרבייטער, וואָס די הערשאַפֿט איבער איהם וויל זי ניט און טאָר ניט טיילען מיט קיינעם. דער בונד אויף דעם שפּיץ פֿון זיין גרויסקייט, שטאַרק פֿון אינעוועניג און פֿון אייסוועניג, דער איינציגער פֿאָרשטעהער פֿון רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם אין דעם אי־

דיִשען פראָלעטאַריאַט, דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד בכלל. און בײַ אַזאַ לאַגע האָט זיך צוּבּרענט דער קאַמפּף. אמת, דער בּונד האָט אפילו דעמאָלט איך קיין גרויסע גבורות ניט בּעוויזען, ער האָט פֿעֿראָזט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. אָבּער איין פּאָזיציע, די, וואָס ער האָט טאַקע אין אמת'ן בּעהערשט, האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקענט פֿערלאָזען: דאָס איז „די אייִנציגע פֿאָרשטעהעריי". דער בּונד האָט נאָך דאַן, אייגענטליך, אַזוי פֿיעל געפֿיהלט זיין אייגענע מאַכט און, מען קען זאָגען, די שוואַכקייט פֿון דער „פּאַרטיי", אַז ער האָט אין זיך דאָך געפֿונען דעם מוט זיך ניט אונטערצוגעבען און אַרויסצוטרעטען פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ.

דריי יאָהר זענען פֿון דעמאָלט פֿאָריבּער — און פֿילעס האָט זיך געבּיטען אין משך פֿון דיזער צייט. דער בּונד האָט פּאַקטיש פֿערלאָרען זיין „אייִנציגע פֿאָרשטעהעריי". ער איז שוין ניט דער אייִנציגער פֿאָרשטעהער פֿון אידישען פּראָלעטאַריאַט: עס איז אויס-געוואַקסען אַ נייע מאַכט אין דער אידישער אַרבּייטער-וועלט — די צ. ס. א. פּ.. ער האָט שוין אויך פֿערלאָרען זיין בּעדייטונג אין דער רעוואָלוציע: ס'איז אַרויסגעטראָטען אויף דער קאַמפּפס-אַרענע דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט. די ר. ס. ד. א. פּ. איז שוין געוואָ-רען שטאַרקער, זי איז שוין זאָגאַר מעכטיג און נויטיגט זיך שוין ניט אַזוי אין דער שטיצע פֿונ'ם אידישען אַרבּייטער. און ווידער האָבּען זיך בּעגעגענט דער בּונד מיט דער „פּאַרטיי", ווידער איז אַרויף אויף דער טאַגעס-אָרדנונג די פֿעראייניגונגס-פֿראַגע.

ווי האָבּען זיך יעצט פֿערהאַלטען בּיידע צדדים אין דיזער פֿראַגע?

פֿונ'ם ערשטען קוק ווייזט זיך אויס, אַז די ר. ס.-א.-פּ. איז אין איהר פּראָיעקט נעגאַנגען אויף געוויסע הנחות: אַזוי, למשל, פֿעהלט אין איהם דער אַלטער פּונקט וועגען בּעגרענצען דעם בּונד אין ראַיאָנע ראַמען. דאָס ווייזט זיך אָבּער אויס נאָר פֿונ'ם ערשטען קוק. אין אמת'ן אָבּער האָט דאָ די „פּאַרטיי" ניט גע-מאַכט קיינע הנחות, נאָר זיך אָבּגעזאָגט פֿון אַ פּונקט, וועלכער האָט פֿערלאָרען יעדע פּראַקטישע בּעדייטונג: צוריק מיט 4-5 יאָהר האָט דער בּונד ערשט אָנגעהויבּען זיך צו בּעווייזען אין דרום, —

אינ'ם אייִנציִגען ראַיאָן, וואו די ר. ס.-ד. א.-פּ. האָט געהאַט בלומרשט „רעעלע" אויסזיכטען אויף דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. דערום האָט דעמאָלט פאַר איהר געהאַט אַ זין ניט צו דערלאָזען אַהיִן דעם בונד און וועלען איהם „פערשליסען אין זיין ראַיאָן". נאָר אין משך פון דער „מלחמה-צייט" האָט שוין דער בונד ממילא אויסגעפּויעט זיינע אָרגאַניזאַציעס אין דרום און האָט שוין דאָרט פערנומען זיין אָרט, אָבוואָהל אַ גאַנץ בעשיידענעם, נעבען אַנדערע פּאַרטייען, וועלכע אַרבייטען צווישען אידישען פּראָלעטאַריאַט. מיט'ן אַריינדרינגען אין דרום-ראַיאָן האָט זיך פערענדיגט די נאַטירליכע פערשפּרייטונג פון דער בונדישער ווירקונג: אין אַנדערע ראַיאָנען איז ניטאָ קיין אידישע אַרבייטער, און אויף די „אייִנציגע פאָרשטעהריי" פון'ם ניט-אידישען פּראָלעטאַריאַט פּרעטענדירט דאָך דער בונד דערוויל ניט. אַלזאָ דער בונד קען שוין ווייטער „אין רוים" ניט וואַקסען, און די פאָרדערונג צו בעגרענצען איהם אין ראַיאָנע ראַמען האָט ממילא פערלאָרען איהר פּראַקטיש-פּאָליטישען ווערט פאַר דער ר. ס.-ד. א.-פּ.. פיעל וויכטיגער איז אָבער פאַר איהר צו בעקעמפפען דעם בונד אין „זיינע" ראַיאָנען זעלבסט און אַרויסצורייסען ביי איהם די ווירקונג אויף דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. ניט ערלויבען דעם בונד זיך צו רעכענען פאַר דעם אייִנציגען פאָרשטעהער פון'ם אידישען אַרבייטער-קלאַס. און אין דעם פונקט איז די פּאַרטיי אויף קיינע פשרות ניט געגאַנגען, און רעכענט נאָך, ווייזט אויס, אַלץ דעם בונד פאַר „אַ היסטאָרישע אַנאַמאַליע"*).

פונדעסטוועגען ווען דער בונד זאָל פאַקטיש זיין דער אייִנציגער פאָרשטעהער פון אידישען פּראָלעטאַריאַט, ווען ער זאָל אמת פערשטעהען און פערטיידיגען אַלע זיינע אינטערעסען, ווען ער זאָל זיין דער ווירדיגער טרעגער פון זיינע האָפנונגען און אידעאַלען, וואָלט ער זיך פון דיזען פונקט יעצט ניט אָבגעזאָגט. פערקעהרט, ביי יעצטיגע לאַגע, ווען פאַר דער רוסישער ס.-ד-יע איז שוין פאָרט ניט אַזוי וויכטיג די אַרבייט צווישען די אידישע אַרבייטער, וואָלט ביי אַ ווירדיגען פעריהאַלטען זיך געווען אַ ספק

*) אַנאַמאַליע — ניט נאַטירליכע, ניט געזעצליכע ערשיינונג.

לייפּטער דורכצופיהרען דיזען פונקט. דאָך זעהען מיר, אַז די בונ-
דישע לאָגיק אַרבייט גראַדע אין פערקערטען זין ... „די רוסלענדישע
פּאַרטיי", — חקרנט זיך די „חברטע" ר.*) : — „פערבינדעט זיך
אַלץ ענגער מיט דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט, פאַר איהר עפענען
זיך אַלץ נייע ברייטע וועגען. ברייטע אונבעריהרטע שיכטען פון
קריסטליכען פּראָלעטאַריאַט רופען זיך אָב אויף איהרע לאָזונגען,
געהען אַריין אין איהרע רייהען" א. א. וו. איז וואָס דער פועל
יוצא דערפון? אַז זי דאַרף דערלאָזען, אויך פאַר'ן אידישען פּראָ-
לעטאַריאַט אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע קען גיכער שאַפען
פיר איהם זיינע נויטיגע לאָזונגען? ווייזט זיך אַרוים, אַז גראַדע
פערקערט! „די חברים פון פּאַרטיי — חקרענט זיך ווייטער די
„חברטע" ר.: „וועלען זיך מוזען איבערצייגען, דאָס דער בונד איז
שוין פאַקטיש די אייִנציגע אָרגאַניזאַציע פון אידישען פּראָלעטאַריאַט"...
דאָס הייסט טיפזיניגקייט! כל זמן דער בונד האָט געקעמפפט פיר
די „אייִנציגער פאָרשטעהעריי" מיט אַלע מיטלען, האָבען די „חברים
פון פּאַרטיי" פאַר איהם דאָס ניט געוואָלט אַנערקענען. און זאָל
זיך דער בונד נאָר אָבזאָגען פון דיזען פונקט — און „די חברים פון
פּאַרטיי" וועלען זיך באַלד איבערצייגען, אַז ער איז טאַקע „דער
אייִנציגער פאָרשטעהער פון אידישען פּראָלעטאַריאַט!".

וואו זשע איז די סבה פון אַזעלכע שפּיצלעך? פאַר וואָס האָט די בונ-
דישע קאָנפערענץ זיך אָפיציעל אָבגעזאָגט פון דיזען „אולטימאַטיווען
פונקט"?

די סבה ליגט דערין, וואָס דער בונד האָט זיך יעצט אָנ-
געשטייסען ווי אין אַ וואַנד. פון אינווענדיג — ווערען אַלץ גרעסער
און שטאַרקער די נעגנער. פון אויסווענדיג — פערלירט ער אַלץ
מעהר דעם רעוואָלוציאָנערן פּרעסטיזש. וואָלט דעם בונד ווירק-
ליך טייער געהאַלטען די אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט, וואָלט
ער זיך דאָ ערנסט פערקלערט אויף די ערשיינונגען פון זיין לע-
בען, וואָס ברייִנגען דערצו. נאָר דער בונד האָט פיר די אויגען
איין ציעל — צו רעטען די אָרגאַניזאַציע, — און שטרעבט מיט אַלע
מיטלען אַריינצוטרעטען אין דער „פּאַרטיי", וועלכע דאַרף איהם

*) „פאָלקס צייטונג".

העלפען יעצט, בעת צרה. אריינטרעטענדיג אין די ר.ס.־ד. א. פ.,
געפינט ער א מעכטיגע שטיצע אין זיין קאמפף געגען אנדערע
שטרעמונגען אין דער אידישער סאציאל־דעמאקראטיע. אריינטרע־
טענדיג אין דער פארטיי, געניסט ער פון איהר רעוואלוציאנערן
פרעסטיזש און פערמאסקירט זיין יעצטיגען אונפערגלייכליך קלע־
נערן ווערט אין דער רעוואלוציע. אריינטרעטענדיג אין די פאר־
טיי, בעקומט זיין ארגאניזאציע א נייעם לעבענסשטראם אויף
א געוויסע צייט. און דאס איז פיר איהם וויכטיג, און דערביי קען
ער נים העלפען קיינע טענות פון פערשידענע ליטוואקען, זעלצערס און
אנדערע. דער עיקר איז די ארגאניזאציע און די „אלגעמיינע" רעוואלוציא־
נערע בעוועגונג. אויב ביי יעצטיגען צושטאנד פון דער רוסל.־פאר־
טיי, ביי דער אנציהונגס־קראפט, וואס זי בעקומט אלץ מעהר
און מעהר, איז זיך אבזאגען פון דער „איינציגער פארשטעהעריי".
גלייך ווי עפענען די טירען פאר א מעכטיגען שטראם, וועלכע
קען פערשווענקען די ארגאניזאציע זעלבסט, — דאס איז נים וויכ־
טיג. גוט איז א חיי־שעה...

אין דער בונד בעקומט וועניגער רעכט אלס די אנדערע
נאציאנאלע כ־ד־ישע ארגאניזאציעס. נים נאר ער זאגט זיך
אב פון פעדעראציע, וועלכע איז אזוי נויטיג פאר'ן אידישען
פראלעטאריאט ביי זיינע ספעציעלע פערהעלטניסע, ער בעקומט
אפילו די אויטאנאמיע אויך „אין די גרענצען פון די בעשליסע פון
צוזאמענפאהר און די דירעקטיווען פון צ. ק. פון פארטיי" ד. ה.
מעהר נים ווי טעכנישע אויטאנאמיע, וואס אפילו מארטאוו האט
איהם געוואלט געבען אויפ'ן צווייטען צוזאמענפאהר פון דער פאר־
טיי. געוויס, דא ווירקט דערזעלבער געזעץ פון קרעפטען־פער־
העלטניסע: דער אידישער פראלעטאריאט מוז בעקומען וועניגער, און
דאס אויך נאך א גרויסען קאמפף. אבער דא האט נים אזוי פיעל גע־
ווירקט די פאקטישע קרעפטען־פערהעלטניס, ווי די קראפט פון
דעם אידען־קאמפף. דער בונד האט נים געפילט דעם שטאל־
צען גייסט פונ'ם אידישען פראלעטאריער — אין דערום האט ער נים
געפונען אין זיך קיין מוט צו פאדערן מעהר אין צו בעקומען דאס,
וואס דעם אידישען ארבייטער קומט. ער האט עס נים געטהון,—

ער וועט עס ניט טהון. דאָס וועלען טהון אַנדערע, די „פּרישע געבאַקענע“ אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

II. (*

און דער „שגעון אָדער אונגליק“, פיר וועלכען עס האָט אַזוי מורא געהאַט דער ה' זעלצער, איז געשעהען, ס'איז געשעהען דאָס, וואָס געשעהען האָט געמוזט: דער בונד איז אריין אין די ר. ס.־ד. א.־פּ. אויף די בעדינגונגען, וועלכע זענען פאָרגעלייגט געוואָרען אויף דעם פעראייניגונגס־צוזאַמענפאָהר פון דער לעצטער. מיט איין „העראָאישער רעזאָלוציאָן“ מאַכט דער בונד צו נישט דאָס אַלעס, פיר וואָס ער האָט מיט אַזאַ ליאַרם און געפילדער געקעמפּפט איינינע יאָהר, ער זאָגט זיך אָב פון אַלעס, וואָס האָט געבילדעט דעם איינציגען יסוד פון זיין זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ.

ער איז מותר אויף צו זיין דער איינציגער פאָרשטעהער פונ'ם אידישען פראָלעטאַריאַט אין דער ר. ס.־ד. א.־פּ., מיט וואָס ער זאָגט זיך פאַקטיש אָב פון זיינע כלומרשט'ע „אָרגאַניזאַציאָנע“ פּרינציפּען; ער גיט איבער אַלע זיינע אָרגאַניזאַציעס „אויף די ערטער“ אין די הענד פון אַזאַ „נאַטשאַלסטוואָ“, וועלכע „זיי וועלען מוזען פאָלגען, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט זי צו קאָנטראָלירען און אויף איהר צו ווירקען“, **) אָבוואָהל דיזע „נאַטשאַלסטוואָ“ בעשטעהט, נאָך דער מיינונג פון די בונדישע אָנפיהרער, פון „זעהר ניט סימפּאַטישע עלעמענטען“, פון „מאוסע טשינאָווניקעס“ א. ד. גל. ***) נאָך דעם, ווי מען האָט געמאַכט אַזאַ סך־הכל פון די „אָרגאַניזאַציאָנע קוקען“, געהט מען שוין מיט אַ לייכטערן געוויסען איבער צו דער „טעאָריע“, און מען שטעלט אַוועק אונטער א פורלשפּבארען פראַגע־צייכען די אייגענע „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם“:

---

*) „דער נייער וועג“ № 19 (פון 19־טען סעפּטעמבער).

**) וו. מעדעם. Наше слово № 2, ז. 4.

***) די פּראָטאָקאָלען פון דער 7־טער קאָנפערענץ פון בונד.

עידער קינפּטיגער צוזאַמענפאָהר פון דער ר. ס.־ד. א.־פּ. קען ניט בלויז די פעראייניגונגס־בעדינגונגען אומענדערן, ווי ס'וועט זיך איהם פערוועלען, נאָר איך מאַכען אַ סוף צו דער אַזוי אויך שווינד־זיכטיגער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון „בונד"...

דאָס אַלעס ווערט אמת געטהון מיט אַ צוּבראָכען הארץ, מען פּרובט זיך טרייסטען בעת צרה, מען רופט אַרויס צו הילף פערשידענע גייסטער פונ'ם „אונטערערדישען רייך", מען אַפּעלירט צום „הייליגען גלויבען אינ'ם העלדישען בונד", מען האָפט גאָר איפּ'ן אַלטען שטייגער, אַז „דאָס אידישקייט קען ניט אונטערגעהן און וועט ניט אונטערגעהען", — נאָר דאָס צורודערטע האַרץ וויל זיך ניט בערוהיגען, עס פּיהלט, אַז דער סוף איז נאָהענט... און מען רוקט אַרויס דאָס אַלטע, שוין טומפּיגע געוועהר פון בונד: די פראַזע, די רעקלאַמע. „ניט צוליב שלום" געהען די העלדען פון בונד צום זעלבסטמאָרד, נאָר „צוליב קאַמפּף"; דאָרט, אויף יענער זייט, וועלען זיי ווידער אַמאָל תחית המתים אויפשטעהען, און „ניט קיין אייזלבערט־צווייג פון שלום" וועלען זיי דעם נייעם פערבינדעטען אויסשטרעקען, נאָר „דעם שאַרף פונ'ם שווערד"... ס'איז גאָר אויף דעם אופן פון היינע'ס גרענאַדירען: שטיל וועלען זיי ליגען אין קבר גאַנץ לאַנג, ביז וואַנען זיי וועלען דערהערען דעם קאַנאָנען־געררויש, און דאַן וועלען זיי בעוואָפענט פון קבר אויפשטעהען דעם בונד זייער ליבען צו שיצען...

אַזוי רעדט מען פון היץ אין די שווערע מינוטען פון דער דויערענדער גסיסה... וואָס זשע האָט געבראַכט דעם בונד צו אַזאַ גסיסה־צושטאַנד? וואָס איז דער אינהאַלט פון דער גאַנצער פער־אייניגונגס־פּראָבלעם?

אין אונזער ערשטען אַרטיקעל וועגען דער אַזויגענאַנטער „פעראייניגונגס־פראַגע" האָבען מיר שוין אין קורצען אָנגעוויזען אויף די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען ביי די אָנפיהרער פון בונד אַזאַ לייַדענשאַפטליכעס שטרעבען זיך צו פעראייניגען מיט דער ר. ס.־ד. א.־פּ. quand même*). אין אַל־

*) וואָס ס'זאָל ניט זיין.

געמיין האָבּען מיר אָנגעוויזען, אַז די ענטוויקלונג פון די געשע־הענישען אין פונ'ם אידישען, אין פונ'ם ניט־אידישען לעבּען האָבּען געבּראַכט דעם בּונד צו אַ פאָלשטענדיגען בּאַנקראָט, און כּדי דאָס צו בּעהאַלטען פאַר דער אויסערער וועלט, כּדי צו רעטען דאָס געבּליבּענע בּיסעל כּבוד, איילט ער זיך צו אומבּייטען די שילד אויף זיין „פירמע". „דער בּונד האָט פערלאָרען זיין איינציגע פאָר־שטעהעריי. ער איז שוין ניט דער איינציגער פאָרשטעהער פונ'ם אידישען פראָלעטאַריאַט: עס איז אויסגעוואַקסען אַ נייע מאַכט אויף דער אידישער אַרבּייטער־וועלט, די צ.־ס. א.־פ.. ער האָט אויך פערלאָרען זיין בּעדייטונג אין דער רעוואָלוציע: ס'איז אַרויס־געטראָטען אויף דער קאַמפּפס־אַרענע דער רוסישער פראָלעטאַר־יאַט". „און ער שטרעבּט מיט אַלע מיטלען אַריינצוטרעטען אין די „פאַרטיי", וועלכע דאַרף איהם העלפען יעצט, בּעת צרה. אַריינטרעטענדיג אין די פאַרטיי, געפינט ער אַ מעכטיגע שטיצע אין זיין קאַמפּף געגען אַנדערע שטרעמונגען אין דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; אַריינטרעטענדיג אין די פאַרטיי, געניסט ער פון איהר רעוואָלוציאָנערען פרעסטיזש און פערמאַסקירט זיין יעצטיגען אונפערגלייכליך קלענערען ווערט אין דער רעוואָלוציע". („דער נייער וועג" № 3—4, ז. ז. 125 און 126).

אַזוי האָבּען מיר געשריבּען מיט 4 חדשים צוריק. און דיזע, נאָך ה' זעלצערס אויסדרוק, „ציוניסטיש־אימקרישע" געדאַנ־קען האָבּען נאָכהער געפונען אַזאַ גלענצענדע בּעגרינדונג אויף די עמודים פון דער בּונדיסטישער פרעסע, אין אין „פּאָלקס־צייטונג" דורך די הערערן זאַרחין און עזרא, אין אינ'ם „נאַשע סלאָוואָ" דורך ה' מעדעם און ה. זעלצער אַליין, אַז מיר, פון אונזער זייט, ווע־לען זיך יעצט אויף זיי דאָ ספּעציעל ניט אָבּשטעלען. אין דיזען אַרטיקעל וועלען מיר בּעטראַכטען די פּאָזיציע אין דער פעראייני־גונגס־פראַגע פון די פערשידענע צדדים אין בּונד גופא.

און אַ מערקווירדיגע זאַך! די „פעראייניגונגס־פראַגע" איז, רופט זיך, אַזוי אַלזייטיג און גרינדליך דיסקוטירט און פאַנאַנדער־גענומען געוואָרען אין „בּונד", וועגען איהר איז בּעשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע ליטעראַטור; וועגען דער תורה שבּעל־פה, וואָס זי האָט

אַרויסגערופֿען, קענען מיר, פֿערשטעהט זיך, ניט בעאורטיילען, נאָר די יודעי־דבר זאָגען, אַז קיין קליינע אין כמות איז זי ניט. און נאָך אַלע מעשיות וועט יעדער אויפריכטיגער בונדיסט מוזען אויף זיך זאגען די בעריהמטע ווערטער:

„דאַ שטעה איך נון, איך אַרמער טהאָר (נאַר)
„אונד בין זאָ קלוג, אַלס ווי צופֿאָר" (פֿריהער)

די פֿראַגע איז פֿון אָרט ניט געריהרט. דאָס, וואָס איז אין דער דיסקוסיע געזאָגט און געשריבען געוואָרען, רופֿט אפשר ארויס פֿערעהרונג צו די בונדיסטישע געפֿיהלען, אָבער ניט צום בונדיסטישען שכל. דער הייסער וכוח האָט פֿאַר אונז אויפֿגעדעקט דאָס בונדישע הארץ, ער האָט אָבער פֿון אָרט ניט געריהרט דעם בונדישען מוח. ער האָט בעוויזען, אַז אין דער צייט, ווען ביי איינינע לעבען נאָך געזונדע נאַציאָנאַלע אינסטינקטען, גליהען נאָך טיעף אין הארצען ביי די אַנדערע פֿערבאָרגענע אַסימיליאַ־ציאָנס־געפֿיהלען; אַז בעת די איינע קענען זיך ניט צושיידען מיט דער אידישער מאַסע, וואַרטען די צווייטע נאָר אויף אַ פּאַסינגען מאָמענט, כדי זיך אַריינצוּוואַרפֿען אין די „אַלרוסלענדישע" בעווע־גונג, און ווען ביי די ערשטע דריקען זיך אויס זייערע שטענדיגע נאַציאָנאַלע געפֿיהלען אין דער הייסער ליבע צום „בונד", וועלכער סימוואָליזירט פֿאַר זיי דאָס זיין נאָך פֿערבליבענע ביסעלע „אידיש־קייט", ווילען די צווייטע דורך דער פֿעראייניגונג מקרב זיין דעם קץ פֿון דער „אַלמענשליכער נאולה"... אַ סך געפֿיהלען—און וועניג, זעהר וועניג נעדאַנקען. אויף די הויפּט־פֿראַגע געפֿינען מיר אין זייער „ליריק" קיין ענטפֿער ניט.

און די הויפּט־פֿראַגע איז די אַלטע: אויף וואָס דאַרף האָ־בען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע? אַנדערש געזאָגט, וואָס פֿאַר היסטאָרישע אויפֿגאַבען האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַזעלכער, אויף זיין וועג צום סאָציאַליזם, צוליב וועלכע ער נויטיגט זיך אין אַ בעזונדערער אָרגאַניזאַציע?

זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען זיין היסטאָרישע מחלוקת מיט דער פּאַרטיי, זוכט אַלץ דער בונד אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע.

ער מיהט זיך אַלץ צו געפינען אַ בערעכטיגונג פיר זיין עקסיסטענץ אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון אידישען פראָלעטאַריאַט. און דיזע בערעכטיגונג איז געווען פערשידען לויט רוים און צייט. דאָס איז זי בעשטאַנען אין קאַמפף געגען פאָגראָמען, דאָס — אין קאַמפף געגען די בעגרענצונגס-געזעצען וועגען אידען, דאָס גאָר אין׳ם קאַמפף געגען דעם ציוניזם. ווי מיר זעהען, איז די בערעכטיגונג אימער בעשטאַנען ניט אין היסטאָרישע, שעפפערישע אויפגאַבען, נאָר אין קלייניליכע טאָג-בעדערפניסען, ניט אין די אינווענינגסטע שעפפערישע כוחות פון׳ם אידישען פראָלעטאַריאַט און פונ׳ם אידישען פאָלק, נאָר אין מעהר אָדער וועניגער אויסערליכע גיך-איבערגעהענדע בעדינגונגען, און ווען דער בונד פלעגט וועלען דיזע אַלע קלייניליך-בעל-הבתישע קעמפפען געגען פעראייניגען אין איין אוניווערסעלען פאָזיטיווען בעגריף, פלעגט ער זאָגען איין וואָרט: „אויפקלערונג“ און דאָ פלעגט זיך איבערהויפט אָנהויבען אַ פלאָנטערניס פון בעגריפען, אַ טיפעס ניט-פערשטעהן פון דעם, אויף וואָס ס׳האַלט זיך דער היסטאָרישער ווערט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. נאָך עד היום זעהען די בונדיסטען במעט דעם איינציגען זין פיר די עקסיסטענץ פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין איהרע אויפקלערענדע אויפגאַבען. די ס.-ד.-יע איז אַ חברה מפיצי-השכלה פאַר׳ן פראָלעטאַריאַט. „די אויפקלערענדע און אָרגאַניזירענדע טעטיגקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע“, — זאָגט הער זעלצער, — האָט תמיד, ווי אויך אין דעם געגעבענעם מאָמענט, די העכסטע בעדייטונג, און דוקא אויף איהר האַלט זיך, הויפטזעכליך, די פאָליטישע בעדייטונג פון דער סאָצ.-דעמאָקראַטיע“. און „כל זמן דיזע טעטיגקייט וועט עקזיסטירען, וועט דער בונד איינהאַלטען זיין פאָליטישע בעדייטונג“. *) „אָרגאַניזאַציע, אַגיטאַציע, פראָפּאָגאַנדאַ“, — ווייטער געהט ניט דער „פראַקטישער שכל“ פונ׳ם בונד אין זיין קרענקליכען זוכען אַ הכשר אויף זיין עקסיסטענץ.

דאָ ליגט אָבער אַ טעות בשוגג אָדער במזיד. די בעדייטונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ליגט ניט אין דעם, וואָס זי פרע-

*) „Наше слово“ № 3, з. 11.

דינגט, נור אין דעם—וואָס זי פּרעדיגט, ניט אין דער אַגיטאַציע זעלבסט, נאָר אין דעם ציעל, צוליב וועלכען זי אַגיטירט, ניט אין דעם, וואָס זי אָרגאַניזירט, נאָר אין די אויפֿגאַבען, צוליב וועלכע זי אָרגאַניזירט די אַרבייטער-מאַסען. די אויפֿקלערונג איז איינע פֿון די פֿונקציעס פֿון אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָבער ניט דאָס ציעל, צוליב וועלכען זי גרינדעט זיך. איז שוין די ס.-ד.-שע אָרגאַניזאַציע ענטשטאַנען, דאַן אַגיטירט זי, דאַן פּראָפּאַגאַנדירט זי, דאַן אָרגאַניזירט זי,—דאַן האָט זי אַלס איינע פֿון איהרע פֿונקציעס די פֿערשפּרייטונג פֿון השכלה. נאָר דאַרף זי ערשט בעשאַפֿען ווערען, דאַן מוז זי פֿאַר זיך שטעלען אַ ציעל, דאַן מוז זי האָבען אַ פּראָגראַם. און די בערעכטיגונג פֿון איהר עקסיסטענץ געפֿינט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע ניט אין איהר פּראָפּאַגאַנדאַ, אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע, נאָר אין איהר פּראָגראַם, ד. ה. אין דעם סכום פֿון נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע אויפֿגאַבען, וועלכען זי שטעלט זיך אויף איהר וועג צום סאָציאַליזם.

וואָס פֿאַר אַ סכום פֿון בעזונדערע היסטאָרישע אויפֿגאַבען רופֿט אַרויס ביי דער אידישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע די נויטווענדיגקייט זיך אַרויסצוטיילען אין אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציע?

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין אַלגעמיין האָט אַלס היסטאָרישע אויפֿגאַבע אָנצופֿיהרען דעם קלאַסענקאַמפּף פֿונ'ם פּראָלעטאַריאַט פֿיר די נייע געזעלשאַפֿט. דיזער קאַמפּף האָט ניט נאָר איין אויסשעפּפֿענדען אויסדרוק, ער נעמט אָן פֿערשידענע פֿאָרמען און ווענדעט זיך צו פֿערשידענסטע מיטלען. ביים פּראָלעטאַריאַט פֿון אַ טעריטאָריאַל-קאָנצענטרירטער נאַציאָן טרעט אַרויס אויפֿ' ערשטען פּלאַן דער מעהר רעליעפֿער אויסדרוק פֿונ'ם קלאַסענקאַמפּף—דער פּאָליטישער, דער קאַמפּף פֿיר די מלוכה-מאַכט אַ טעריטאָריאַלע נאַציאָן בילדעט אָדער אַליין אַ מלוכה אָדער אַ שטאַאַט אין דער נאַציאָנען-מלוכה: אָדער ס'איז ביי איהר קאָנצענטרירט די גאַנצע מלוכה-מאַכט, אָדער זי איז אַ אָבטיילונג פֿון דער צענטראַלער מלוכה-מאַכט. דער קאַמפּף פֿיר די מלוכה האָט דאָ אַ קאָנקרעטע רעעלע בעדייטונג, דערום טרעט דאָ אַרויס אַלס די צענטראַלע אויפֿגאַבע פֿונ'ם פּראָלעטאַריאַט די

פּאָליטישע אָבשויאַכונג **פֿון** דער בורזשואַזיע, דאָס ביסלעכווייזע בעצווינגען פֿון אַלע איהרע מאַכט=פּאָזיציעס. דאָס אַליין גיט שוין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע פֿון דיזער נאַציאָן דאָס רעכט צו עקסיסטירען אַלס אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציע. זי איז אַ טערריטאָריאַלע אָבטיילונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, אַזוי ווי די אָרטיגע רעגירונגס=אָרגאַנען זענען די אָבטיילונגען פֿון דער בורזשואַזער מלוכה.

דאָס אידישע פֿאָלק איז אָבער אַ טערריטאָריאַל=לאָזעס, ס'לעבט צוזייט און צושפּרייט, און עס האָט ניט קיין זעלבסטשטענדיגע מלוכה=בעדייטונג. פֿונ'ם מלוכה=שטאַנדפּונקט ווערט עס אָבגעשאַצט נאָר אויף אַזויפֿיעל, אויף וויפֿיעל עס בילדעט אַ טייל פֿון דער אָרטיגער דרוק=פֿעהיגער מערהייט. אין דער אידישער נאַציאָן איז ניט קאָנצענטרירט קיין טראָפּען מלוכה=מאַכט, און אויף וויפֿיעל די אידישע קלאַסען קעמפֿען צווישען זיך, אַלס אידישע, איז דאָס ניט פֿאַר דער מלוכה. דער פּאָליטישער ווילען פֿון דער אידישער בורזשואַזיע, אַלס אַזעלכער, איז ניט קריסטאַליזירט אין קיין מלוכה=אַנשטאַלט, איהרע פּאָליטישע פֿאָדערונגען ליגען אויסערהאַלב פֿונ'ם אידישען פֿאָלקס=אָרגאַניזם, און ווען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וואָלט בעזיגען פּאָליטיש די אידישע בורזשואַזיע, אַלס אידישע, וואָלט דערפֿון זיין פּאָליטישע מאַכט גרעסער ניט ווערען. און גלייך ווי די אידישע בורזשואַזיע קען ניט האָבען קיין בעזונדערע אָרטיגע פּאָליטיש=סעפּאַראַטיסטישע אינטערעסען, אַזוי אויך קען זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ניט שטעלען קיינע ספּעציעלע פּאָליטישע אויפֿגאַבען. פּאָליטיש, אין קאַמפּף פֿיר די מלוכה=מאַכט מוז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פֿערשווינדען אין דעם מלוכה=פּראָלעטאַריאַט און אין זיינע טערריטאָריאַלע אָבטיילונגען, ער קען זיך פֿון איהם אַרויסטיילען נאָר אויף וויפֿיעל זיינע בעזונדערע ניט=מלוכה'שע לעבענס=בעדינגונגען שטעלען פֿאַר איהם אויפֿגאַבען, וועלכע האָבען צו דער מלוכה קיין שייכות ניט אָדער וועלכע ליגען אויסער די געגעבענע מלוכה=ראַמען. וועלכע אויפֿגאַבען האָט דער בונד אָנגעצייכענט פֿאַר'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט?

„דער קלאַסענקאַמפּף“, —ביזוערט זיך איינער פֿון די בונדישע „קריטישע דענקער“, — „איז אַ דויערנדער, שטענדיגער דרוק

פון די אָרגאַניזירטע שיכטען פון׳ם קלאַס איוף דער מלוכה צוליעב דעם איסנוצען פון די מלוכה־כוחות ביי דער לעזונג פון דער אָדער יענער אויפגאַבע״ *). מיר וועלען שוין דאָ ניט רעדען וועגען דעם, אַז אַזאַ פערשטעהען פון׳ם קלאַסענקאַמפף איז ניט וויסענשאַפטליך, און שמעקט מיט׳ן בעקאַנטען פאָליטישען ראַדיקאַליזם פון בונד. נאָר לאָמיר צוגעבען, אַז אַזאַ פערשטעהען איז ריכטיג, איז דאָך די קשיה נאָך גרעסער — צו וואָס דאַרף דער אידישער פראָלעטאַריאַט אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציע? דיזען „דויערנדען, שטענדיגען דרוק״ איבט דאָך אויס די מלוכה־פאַרטייִ מיט אַלע איהרע טעריטאָריאַלע אָבטיילונגען?... נאָר אפשר איז דאָ דער עיקר אין דעם „איסנוצען די מלוכה־כוחות ביי דער לעזונג פון דער אָדער יענער אויפגאַבע״? וועלכע זשע אויפגאַבען האָט דער אידישער פראָלעטאַריאַט אַלס אַזעלכער, צוליעב וועלכע נאָר ער קען און דאַרף „איסנוצען די מלוכה־כוחות״? איוב די לעזונג פון דיזע אויפגאַבען שוואַכט אָב די בורזשואַזע מלוכה, איז דאָס שוין די זאַך ניט נאָר פון דעם אידישען פראָלעטאַריאַט, און צוליב אַ ז ע ל כ ע אויפגאַבען האָט ער זיך ניט וואָס צו אָרגאַניזירען בעזונדער. „פאַר אידען״, — זאָגט ה. מעדעם — „זענען די פּאָגראָמען אַ פראַגע פון אונמיטעלבאַרען לעבען, פאַר אַ רוס — אַ פראַגע פון פרינציפּ״ **), — און דערפון דרינגט מען איים, אַז דער אידישער פראָלעטאַריאַט נויטיגט זיך אין אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז אָבער לייכט צו בעמערקען די איבערפלעכליכקייט פון אַזאַ „בעגרינדונג״. די פּאָגראָמען זענען פיר דעם רוסישען פראָלעטאַריאַט אויך ניט נאָר אַ פרינציפּ־פראַגע. די פּאָגראָמען זענען דאָך אַ אויסערונג פון ארעזשים, וואָס דריקט און ווערגט דאָס גאַנצע לאַנד. און כל זמן ס׳איז מעגליך קישענעוו, איז אויך מעגליך זלאַטאָאוסט; וועלען נאָר מעגליך זיין די שחיטות אויפ׳ן נוסח פון סעדלעץ, דאַן מוזען אויך מעגליך זיין די הריגות פון וואָלאָגדאַ. אמת, בעת דער דרוק עקזיסטירט, דאַן לייגט ער זיך פיעל שווערער אויף אידען. ווערט ער אָבער בעזייטיגט — דאַן געשעהט עס פאַר אַלעמען אין אַ גלייכער

*) ס. אַלעקסאַנדראָוו, „Наша слово“ № 2, ז. 20.

**) „Наше Слово“ № 1, ז. 1.

מאָס. בעת ס'זענען מעגליך די יאַנואַר=טעג אין פעטערבורג, זענען אַ סך און אַסך מעגליכער די יוני=טעג אין ביעלאָסטאָק, וועט אָבער אונמעגליך ווערען דער 9 יאַנואַר אין פעטערבורג, דאַן וועט שוין ממילא אויך ניט קענען פאָרקומען בשום אופן דער 2 יוני אין ביעלאָסטאָק. אַזוי קלערט דאָך דער בונד, אַזוי מוז ער דאָך קלערען. און פאַר אַזאַ אָרדנונג, ביי וועלכער וואָלאָגדאַ און זלאַ= טאָאוסט זאָלען אונמעגליך ווערען, קעמפּפט שוין דער מלוכה=פּראָ= לעטאַריאַט. אלא מוז דער בונד אַנערקענען, אַז נאָר פאָרמאַל זועט דער דרוק פערשווינדען גלייך פאַר אַלע פעלקער, פאַקטיש וועט ער אָבער פאַר אידען פערבלייבען אין אַ געוויסע מדרגה. דאָס הייסט, אַז בעת דער גאַנצער מלוכה=פּראָלעטאַריאַט בעזיצט שוין אַלע פאַק= טיש בעדינגונגען פיר זיין פרייען קאַמפּף ביי דער נייער אָרדנונג, מוזען נאָך פאַר'ן אידישען פראָלעטאַריאַט פילע פון אַזוינע בעדינ= גונגען בעשאַפען ווערען. אפשר וויל דער בונד בעשאַפען דיזע בעדינ= גונגען? ווי אַזוי? אויף דעם מלוכה=אופן—דורך דער אָבשוואַכונג פון דער מלוכה? נאָר דאָס איז דאָך ווידער די אויפגאַבע פון דער מלוכה=פאַרטיי? ניט אויף דעם מלוכה=אופן? וואו זשע וועט דאָ לויט דעם בונדיסטישען פערשטעהען זיין דער קלאַסען=קאַמפּף? און ווידער— וועלכע זענען זיי, דיזע אויפגאַבען? דער בונד האָט זיי ניט אָנגע= וויזען, דער בונד אַנערקענט זיי ניט. און זיין עקסיסטענץ איז דערום אוננוצליך, איבעריג און אויף אַזאַ אופן שעדליך... ער הויבט עס אָן צו פיהלען, און געהט מיט בושת פנים אַראָב פון סצענע.

נאָר די ספּעציעלע בעדינגונגען פון'ם אידיש=פּראָלעטאַרי= שען לעבען? די בעזונדערע צוזאַמענשטעלונג פון די געזעלשאַפ= טליכע כוחות—די בעזונדערע נאַציאָנאַל=עקאָנאָמישע סביבה? זיי פאָדערן דאָך אַבעזונדערע אָרגאַניזאַציע פיר'ן אידישען פראָלעטאַריאַט?

ניט מיר ווילען, פערשטעהט זיך, אָבלייקענען דאָס פאַראַ= נענזיין פון אַ בעזונדער אידישער נאַציאָנאַל=עקאָנאָמישער סביבה. מיר האָבען עס די ערשטע פּראָקלאַמירט, דאָס איז שוין געוואָרען דער אלף=בית=אמת פון אונזער פּראָגראַם, און פון אונזערע אַגי= טאַציאָנס=פערזאַמלונגען איז דיזער אמת אַריין אין די אָפיציעלע דאָגמען פון'ם בונדיסטישען גלויבען. נאָר מיר בעגנוגען זיך ניט

מיט היילע קאָנטטאַטירונגען, מיר אַנאַליזירען, מיר פאָרשען איים אַלע פאָלגען, און דיזע אויספאָרשונגען ברייִנגען אונז ניט צו די מעטאַפיזישע פאָרמולען פון בונד, נאָר צו איינפיהרונגען, וועלכע ענטשפרעכען דעם דיאַלעקטישען מהות פון דער „רינענדער״ ווירקליכקייט.

ערשטענס, קומט, ווי ס׳ווייזט איים, די נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע ווירקליכקייט פון אידישען פראָלעטאַריאַט אין אַ געוויסען צו-זאַמענשטויס מיט דערזעלבער פינ׳ס פראָלעטאַריאַט פון די אַנדערע נאַציאָנען. „די חברים פאַרטיי-לייט״—זאָגט ה. מעדעם,—„פיהלען אַלייכט ערקלערבאַרע און אַ אונגעוועהנליך האַרטע נייגונג צום טע-ריטאָריאַליסטישען פרינציפּ״ *). מיט דיזער „לייכט ערקלערבאַרער און אונגעוועהנליך האַרטער נייגונג״ צייכנען זיך אויס אויך די פאָרשטעהער פונ׳ם פוילישען און לעטישען פראָלעטאַריאַט. אמת די בונדיסטען ערקלערען דיזע „נייגונג״ דורך אַ ניטגעניגענדען פערשטעהן פון די ס-ד-ישע פרינציפּען. דער בונד, ווי מיר וויסען שוין, זעהט דאָך אַלעס אין דער „השכלה״. דאָך זאָגען אַז די „אומות העולם״ פערשטעהען גאָר ניט, און נאָר „עמך יש-ראל״ פון בונד וויסט אַלעס פון „רוח הקודש״, איז לעכערליך און ניט קאָנסעקווענט. ביי ספּעציעלע נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע בע-דינגונגען לעבט דאָך ניט נאָר דער אידישער פראָלעטאַריאַט. אפשר האָבען די בעדינגונגען, וועלכע האָבען דעם אידישען פראָלעטאַריאַט, לויט דעם בונד׳ס מיינונג, געבראַכט צום עקס-טעריטאָריאַלען פרינציפּ,—דעם רוסישען, פוילישען א. ז. וו. געבראַכט צום טעריטאָריאַלען? דיזע צוויי פערשידענע, זאָגאַר נעגענזעצליכע פרינציפּען קוועלען אַרויס פון פערשידענע נאַציאָ-נאַל-עקאָנאָמישע סביבות, און דערום קומען זיי אין אַ צוזאַמענ-שטויס. און דאָס הייסט, אַז אין סכום פון די ספּעציעלע נאַצי-אָנאַל-עקאָנאָמישע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס לעבט דער אידי-שער אַרבייטער-קלאַס, מוז אַריינקומען נאָך איינע, אַ קאַרדינאַלע— דאָס, וואָס ער מוז אָפט אין זיינע פאָדערונגען קומען אין ווידער-

*) „Наше Слово״ נומער 3, ז. 23.

שפרוך מיט דער ארומיגער פראָלעטאַרישער ווירקליכקייט... ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג בעווייזט עס ה. מעדעם אַליין, בעת ער רעדט וועגען דעם אונגליקליכען 6-טען פונקט פון'ם פּעראייניגונגס-אָבמאַך. ער קלאָגט זיך, וואָס לויט דיזען פונקט וועט דער בונד אין ערגעץ ניט קענען האָבען קיין קיום: אין די ערטער, וואו דער אידישער פראָלעטאַריאַט בילדעט אַ מינדערהייט, ווי אין פּוילען און דרום-רוסלאַנד, וועט דער בונד מוזען צושווימען ווערען אין די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס פון'ם אַרומיגען פראָלעטאַריאַט; אין דער ליטא אָבער, וואו דער אידישער פראָלעטאַריאַט בילדעט די מערהייט, וועט דער בונד מוזען אַליין פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פערוואַנדעלט ווערען אין אַ ראַיאָנע*). ס'איז, הייסט עס, שלעכט אין אַלע אופנים: אי בעת מען בילדעט אַ מעהרהייט, אי בעת מען בילדעט אַ מינדערהייט... און אין דער זעלבער צייט, איז די „אומות העולם" גוט בכל איפן—אפילו בעת מען איז אַ מינדערהייט... זיך דערררעדען צו אַזעלכע זאַכען, און ניט קענען מאַכען די פּאַסענדע אויספיהרונגען!... אויף וואָס זשע האָפּט אָבער ה' מעדעם? אויף פּאַקטישע מאַכט? ניין!... „ס'ווילט זיך ניט גלויבען, — זאָגט ער טרויעריג, — „אַז ביי די חברים פון פ. ס. ד. וועט האַפען אויף אַזוי פּיעל זעלבסט-פּערבלענדונג, אַז... זיי וועלען זיך פרובען דאָס צו פּערווירקליכען"**), ד. ה. איינצושלינגען דעם בונד. ס'ווילט זיך גלויבען, אַז מען וועט אָנהויבען פערשטעהען... אָ השכלה!...

ווייטער, וועגען דיזער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישער סביבה גופא. די ראַמען פון'ם אַרטיקעל ערלויבען אונז ניט זיך אויף איהר דאָ פּיעל אָבצושטעלען, דערום וועלען מיר וועגען איהר זאָגען נאָר איניגע ווערטער. מיר בעהיפּטען, אַז וואָס אָנבעלאַנגט די טאַקטיק, דעם געגענוואַרטיגען צושטאַנד פון דיזער סביבה, איז זי געווינט פון יעדען פּאָליטישען אינהאַלט, און דערום קען קיין בעזונדערע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, זיך שטיצענדיג אויף איהר, ניט עקסיסטירען. וואָס איז אָבער ניגע די דינאַמיק

---

*) Наше Слово נומער 2, ז. 5. **) דאָרטען.

פֿון דער אידישער ווירקליכקייט, איהר ווייטערדיגער ענטוויקלונג, איז איינס פֿון די בײדע: אָדער דיזע ענטוויקלונג וועט בעקומען אַ פּאָליטישען אינהאַלט דורך דעם, וואָס זי וועט צושווימען ווערען אין דער אַרומיגער פּאָליטיש־שטאַאַטליכער ענטוויקלונג, — דאַן האָט ניט קיין זין קיין בעזונדערע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע; אָדער זי וועט מוזען ברײנגען צום בעשאַפֿען פֿון בעזונדערע שטאַאַטליכע בעדינגונגען פֿיר דאָס אידישע פֿאָלק—און דאַן האָט ניט קיין זין די עקסיסטענץ פֿון בונד...

„מיר זענען נייטראַל" *) — ערקלערט שטאָלץ דער בונד אין געשטאַלט פֿון ה' מעדעם, רעדענדיג וועגען זיינע בעציהונגען צו די געשטעלטע פֿראַגען מכוח דער קינפֿטיגער נאַציאָנאַלער ענט־וויקלונג פֿונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט. און דיזע נייטראַליטעט האָט געמוזט ווערען אַלץ שטאַרקער און אָפֿענער, ביז דער בונד איז אינגאַנצען נייטראַליזירט געוואָרען פֿונ'ם אידיש־פּראָלעטאַרי־שען לעבען און איז פֿערשוואונדען אין די „אַלגעמיינע" וואַסערן פֿונ'ם „פּאַרטיי"־ים...

און די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע? זי גיט דאָך גע־וויס דאָס רעכט דעם „בונד" אויף אַ זעלבסטשטענדיגע עקסיסטענץ! נאָר וועגען דעם אינ'ם קומענדען קאַפּיטעל.

III **)

וואָס איז אַזוינס די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פֿון בונד? צו איז זי נעמליך די היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכע פֿאָדערט פֿיר איהר דורכפֿיהרונג אַ בעזונ־דערע אידישע אָרגאַניזאַציע? צו איז זי אַ אונפֿערמיידליכער, היס־טאָריש־נויטווענדיגער עטאַפּ אויף זיין וועג צום סאָציאַליזם?

אין פֿאָריגען אַרטיקעל האָבען מיר שוין אָנגעוויזען, אַז די צענטראַלע אויפֿגאַבע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז די פּאָ־

---

*) וו. מעדעם. Соціальдемократія и національный вопросъ. Изд. „Трибуна" С. П. Б. 1906, стр. 21.

**) „דער נייער וועג" № 23.

ליטישע אָבשוואַכונג פֿון דער בורזשואַזיע. די מלוכה־מאַכט פֿון דער בורזשואַזיע, ווי מלוכה־מאַכט איבערהויפּט, האַלט זיך נאָר אויף דעם, וואָס שפּרינגער רופֿט אָן „Territorialhoheit", ד. ה. אויף דעם בעזיצען פֿון אַ בעשטימטער טעריטאָריע. אונזערע בונדיסטען האָבען זיך אמת דערקלערט צום געדאַנק, אַז אַ נאַציאָן קען גאַנץ גוט לעבען אָהן אַ טעריטאָריע, אַז נאָך אדרבה ואדרבה, אָבער אַז די מלוכה־מאַכט איז דענקבאַר אָהן טעריטאָריאַלער מאַכט — די ענטדעקונג האָבען זיי נאָך דערווייל ניט געמאַכט. אין די הענד פֿון דער בורזשואַזיע איז אַלזאָ קאָנצענטרירט די פֿיהרונג פֿון דער מלוכה, ד. ה. די הערשאַפֿט איבער דאָס לאַנד, און זי פֿער־קערפּערט אין זיך די מלוכה־מאַכט אומעטום ניט אַלס פֿאָר־שטעהערין פֿון בעשטימטע נאַציאָנען, נור אַלס בעהערשע־רין פֿון בעשטימטע געביטען. דאָס זעלבע איז ריכטיג אויך בנוגע צום פּראָלעטאַריאַט, ווען מיר בעטראַכטען איהם אין זיין פּאָליטישען קלאַסענקאַמפּף. זיין אויפֿגאַבע אין דעם הינזיכט אי צו ענטוואָפֿנען די בורזשואַזיע ניט פֿון דער נאַציאָן, צו וועלכער ער געהערט, נאָר פֿון דעם אָרט, אין וועלכען ער לעבט. דאָ בלייבט איבעריהרט דער פּאָליטישער שלאָגוואָרט פֿונ'ם אינ־טערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט: „פּראָלעטאַריער אַלער לענדער פֿעראייניגט אייך!".

און אין היסכּם דערמיט שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט אַרויס פֿערשידענע פֿאָדערונגען, שטרעבט ער צו בעשאַפֿען פֿערשידענע מלוכה־אָרגאַנען פֿון צענטראַלער און אָרטיגער פֿערוואַלטונג, וועלכע זאָלען איהם שטעלען אין אַ בעסערע פּאָזיציע ביחס צו דער בור־זשואַזיע, אָבשוואַכענדיג איהר פּאָליטישע מאַכט.

צו האָט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פֿון בונד אַזאַ בעדייטונג? צו שוואַכט זי כאָטש אויף וויפֿיעל ס'ניט איז אָב די מלוכה־מאַכט פֿון דער בורזשואַזיע?

מיר האָבען שוין בעמערקט, אַז ווען די אידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאמיע זאָל נאָר עטוואָס בעדראָהען די מלוכה־מאַכט פֿון דער בורזשואַזיע, וואָלט אין איהר געווען פֿעראינטערע־סירט דער גאַנצער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט, און ניט נאָר

דער אידישער. און ווען מיר הערען, אַז אפילו אַזאַ „פרומער״ בונדיסט, ווי ה. זעלצער, איז זיך מודה ומתודה אויפ׳ן בונדישען צוזאַמענפאָהר, דאָס די אָביעקטיווע ענטוויקלונג פיהרט ניט דערצו, אַז דער רוסלענדישער פראָלעטאַריאַט זאָל אויפנעמען די נאַציאָנאַלע „פראָגראַם״ פון בונד, איז דאָס דער בעסטער בעוויין, אַז פון דער בונדישער אויטאָנאָמיע איז דעם רוסלענדישען פראָלעטאַריאַט ניט קאַלט און ניט וואַרעם, אַז זי ריהרט ניט אָן אפילו אייף אַ האָר דעם מלוכה-בנין פון דער בורזשואַזיע. און ס׳איז גאַנץ פערשטענד-ליך. די אידישע נאַציאָן שטעלט פון זיך ניט פאָר קיין „שטאַאַט-בילדענדען פאַקטאָר״. ווען איהר פעהלט דער איינציגער יסוד פון מלוכה-מאַכט — טערריטאָריאַלע קאָמפּאַקטהייט. דערום בילדעט ניט די אידישע נאַציאָן קיין פּאָליטישע גרויס, וואָס איהר מלוכה-ווילען זאָל זיך אונבעדינגט מוזען קריסטאַליזירען אין בעשטימטע אנשטאַלטען. די אידישע זעלבסט-פערוואַלטונג קען אייף אַזאַ אופן ניט בעקומען קיין פּאָליטישען אינהאַלט, זי קען מיט גאָר ניט אָב-שוואַכען, ניט די צענטראַלע מלוכה-מאַכט, ניט איהרע אָרטיגע אָרגאַנען. זי איז פאַר אַ בורזשואַזער דעמאָקראַטישער מלוכה לא מעלה ולא מוריד. דערום איז דער לאָזונג פון נאַציאָנאַל-קולטורע-לער אויטאָנאָמיע ניט קיין פּאָליטישער, און אפילו פונ׳ם בונדישען שטאַנדפּונקט האָט ער קיין שום ווערט ניט. דאָס האָט גאַנץ קלאָר אויסגעדריקט איינער פון די בונדישע אָנפיהרער, ה. וויניצקי, אויפ׳ן VII צוזאַמענפאָהר פון בונד. ער האָט ערקלערט במעט אין נאָמען פון דער מעהרהייט, אַז אויב די ר.-ס.-ד.-א.-פ. וועט אָב-שטויסען די נאַציאָנאַלע „פראָגראַם״ פון בונד, וועט דער לעצטער דאָך פון דער „פּאַרטיי״ ניט אַרויסטרעטען: אַריינטרעטען און אַרויס-טרעטען איז ניט קיין קינדער-שפּיל... ער האַלט, משמעות, אַז אָננעמען אַ נאַציאָנאַלע „פראָגראַם״ און זיך פון איהר אָבזאָגען איז יאָ אַ קינדער-שפּיל... און ער האָט פאָלקאָם רעכט, דער ה. וויניצקי: די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע האָט קיין שום פּאָליטי-שען אינהאַלט ניט, גאָר אַנדערש איז דאָס מיט׳ן אַריינטרעטען אין די „פּאַרטיי״...

דאָס פערהאַלטען זיך פונ׳ם בונד צו דער נאַציאָנאַל-קולטו-

רעלער אויטאָנאָמיע בעוויזט בעסער ווי אַלעס אויף איהר פּאָלי־
טישע ווערטלאָזיגקייט. אילוסטרירען קענען מיר דאָס דורך דער
בעקאַנטער געשיכטע מיט דעם „וועלטבעריהמטען“ מאַקסים. דער
„גרויסער“ מאַקסים האָט געמוזט נתגלה ווערען פאַר דער וועלט
ניט אַלס אַ אידישער פּראָלעטאַרישער טוער, נאָר אַלס אַ לעטי־
שער, און כּדי ער זאָל קענען אויפהויבען אַ געפילדער אַרום זיין
נאָמען, האָט ער געמוזט פון ערגעץ אויף זיך אַרויפשלעפּען אַ מאַנ־
טעל פון אַ פּרעזידענט פון אַ לעטישער רעפּובליק: אַ אידישע רע־
פּובליק איז אונדענקבאַר, און זיך אַרויסשטעלען פאַר איהר פּרע־
זידענט וואָלט הייסען באַלד-אויפדעקען די פאַלשקייט פון דער
רעקלאַמע. און דאָס, וויאָס ס'האָט זיך געטראָפען מיט'ן איינצעלנען
מאַקסים, איז אויך פאָרגעקומען מיט'ן קאָלעקטיווען — מיט'ן גאַנ־
צען בונד (מיר רעדען וועגען די אָנפיהרער). דיזע גרופּע פּאָלי־
טישע ראַדיקאַלען מיט בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען און
גרויסע בריות אין עניני רעקלאַמע האָבען געמוזט אין דעם מאָמענט
פון אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע אַריבערשטייגען די ענגע גרענצען
פון דער אידישער גאַס, כּדי צו ווערען בלומרשטע „העלדען“ פון
ניט־אידישע רעפּובליקען... פערבלייבען אין דער אידישער גאַס?
שטרעבען טאַקע אין אמת'ן צו פערווירקליכען די נאַציאָנאַלע אוי־
טאָנאָמיע?.. כּל זמן דאָס אויסנוצען פון דער רעוואָלוציאָנערער
ענערגיע פונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט האָט געהאַט אַ פּאָליטי־
שען ווערט ביי דער אַלגעמיינער טוידטקייט, וואָס האָט געהערשט
אין לאַנד, האָבען זיי דערפון דעמאַגאָגיש גערעדט. יעצט אָבער,
בעת אַלעס האָט אַרום אויפגעלעבט און אויפגעבליהט, יעצט בעת
דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין זיין אַמאָליגען ווערט
פערלאָרען, — יעצט פערלאָזען דיזע אַנטיטעריטאָריאַליסטישע
לאַנד־פּאַטריאָטען זייערע אידישע פּאָזיציעס...

ה' מעדעם, בעקעמפענדיג די „געגנער פון רעכטס“, וועלכע
וואונדערן זיך דערויף, וואָס פאַר די אַנטיטעריטאָריאַליסטען פון
בונד ענדיגט זיך די אידישע נאַציאָן ביי די גרענצען פון דער
רוסלענדישער טעריטאָריע, זאָגט: „פאַר אונז איז די נאַציאָנאַלע
אָרגאַניזאַציע ניט קיין אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַלען ווילען און

נאַציאָנאַלער צוזאַמענהעפטונג: זי איז אַנ'אָרגאַן פון פּראָלעטאַרישען קאַמפף, און פון דיזען שטאַנדפּונקט איז אַנ'אַלגעמיין אידישע אָר- גאַניזאַציע, וועלכע פעראייניגט אַלע אידען פון דער אַלטער און נייער וועלט, — אַנ'אַבסורד. פּאָליטיש האָט זי גאָר ניט, וואָס צו טהון, דען פּאָליטיק—דאָס איז קאַמפף, און קעמפפען האָט זי ניט מיט וועמען. זיך בעשעפטיגען מיט פילאַנטראָפּיע קען זי; דאָס איז איהר זאַך; נאָר ניט דאָס איז די אויפגאַבע פון'ם קלאַסען- קאַמפף פון דעם פּראָלעטאַריאַט"*).

ווען דער ה' מעדעם זאָל ניט האָבען אַזאַ גרויסע נטיה צו מליצות און זאָל זיך מעהר אַריינקלערען אין תוך, וואָלט ער זעהן, אַז זיינע פיילען טרעפען גיכער אין איהם זעלבסט, איידער אין די „געגנער פון רעכטס". „פּאָליטיק איז קאַמפף, און קעמפפען האָט זי ניט מיט וועמען", — זאָגט ער טיפזיניג. נו, און די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד? מיט וועמען וועט זי פּאָליטיש קעמפפען? מיט דער מלוכה? נאָר דאָס טהוט שוין מיט ערפאָלג די מלוכה-פּאַרטיי מיט איהרע טע- ריטאָריאַלע אָבטיילונגען. מיט דער אידישער בורזשואַזיע? נאָר זי איז דאָך פּאָליטיש פערשמאָלצען מיט דער מלוכה-בורזשואַזיע און איהרע טעריטאָריאַלע אָבטיילונגען. בלייבט טאַקע נאָר קעמפפען געגען דעם ציוניזם. אָבער דערמיט קען זיך דאָך שוין בעשעפ- טיגען אויך „אַנ'אַלגעמיין-אידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פער- אייניגט אַלע אידען פון דער אַלטער און נייער וועלט"... צוליב דעם דאַרף מען נאָר אין דער רעזאָלוציע „וועגען די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקאַ", וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן 7-טען צוזאַמענפאָהר, צום פונקט, וועלכער פאָדערט פון די „אַמע- ריקאַנער ברידער" געלד, געלד און געלד, צוגעבען נאָך אַ פונקט וועגען קאַמפף מיט דעם ציוניזם... וואָס אָנבעלאַנגט די „געגנער פון רעכטס" אַנערקענען זיי, אַז אַנ'אָרגאַניזאַציע, וועלכע פעראיי- ניגט די אידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע גלות-לענדער, וועט אפשר שאַקי, אַלם אַזעלכע, ניט כסדר האָבען מיט וועמען צו „קעמפ- פען", זי וועט אָבער כסדר האָבען. וואָס צו טהון, איהר וועט

*) ו. מעדעם. Наше Слово № 1 стр. 11

כסדר פֿאָרשטעהן אַ היסטאָרישע אַרבייט, און דוקא אַזעלכע, וואָס ליגט אייסער די טעטיגקייטס־ראַמען פֿון דעם אָדער יענעם מלוכה־פּראָלעטאַריאַט ...

ווען מיר ווענדען זיך, ווייטער, צו די אינערליכע פֿער־העלטניסע אין אידישען פֿאָלק גופא, זעהען מיר, אַז אויך פֿון דער זייט איז די אויטאָנאָמיע געררויבט פֿון יעדען אינהאַלט.

די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז אַנ'אויסדרוק פֿון פֿילפֿאַכע, זיך איבערפֿלעכטענדע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע בעציהונגען. ווען אַלע קלאַסען פֿון פֿאָלק זענען צווישען זיך פֿערבונדען אינם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, דאַן ענטשטעהען ביי זיי געמיינזאַמע פּאָליטישע אינטערעסען, דאַן עקסיסטירט צווישען זיי אויך אַ קולטורעלע צוזאַמענגעבונדענהייט. האָבענדיג געמיינ־זאַמע אינטערעסען, מוזען זיי אויפֿ'ן גרונד פֿון דיזער געמיינ־זאַמקייט זיך פֿעראייניגען און אויפֿ'ן באָדען פֿון דיזער פֿעראייני־גונג פֿאָרטזעצען זייער קלאַסענקאַמפף. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָ־מיע איז דער אָביעקטיווער אויסדרוק פֿון דער שטופּע נאַציאָ־נאַלער סאָלידאַריטעט, וועלכע עס עקסיסטירט אין פֿילע אינטע־רעסען־קרייזען ביי די פֿערשידענע קלאַסען פֿון פֿאָלק, ניט קו־קענדיג אויף דעם פֿערביסענעם קאַמפף, וואָס זיי פֿיהרען צווישען זיך.

וואָס זעהען מיר אָבער אין אידישען פֿאָלק?

ניט אַלע קלאַסען זענען דאָרט פֿערבונדען אינ'ם פּראָדוק־ציאָנס־פּראָצעס. און בעת די נידעריגע פֿאָלקס־שיכטען ווערען איזאָלירט אין דיזען פּראָצעס, ווערען די העכערע שיכטען מעהר אָדער וועניגער אַריינגעצויגען אין דאָס אַרומיגע עקאָנאָמישע לע־בען. אויפֿ'ן באָדען פֿון דיזער צוריסענהייט קען ניט ענטשטעהען אַ אינסטיטוט, וועלכער זאָל געגען זייער ווילען פֿערבינדען אַלע טיילען פֿון פֿאָלק. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען פֿון דער אידישער בורזשואזיע ליגען אויסערהאַלב פֿון דער אידי־שער „אויטאָנאָמיע“. אויפֿ'ן נאַציאָנאַל־קולטורעלען באָדען איז נאָך שווערער צו זוכען געמיינזאַמקייט פֿון אינטערעסען. בעת די אי־דישע פֿאָלקס־מאַסען זענען ביי זייער איזאָלירטהייט פֿעראינטערע־סירט אין דער ענטוויקלונג און בערייכערונג פֿון דער פֿאָלקס־

שפראַך, איז די אידישע בורזשואַזיע דורך אַלע איהרע ממשות־דיגע אינטערעסען געטריבען נאָר צו דער לאַנדס־שפּראַך. און ווען עס קומט איהר אויס צו ברייננגען אין הסכם איהרע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען מיט איהרע נאָך עקסיסטירענדע נאַציאָנאַל־אידישליכע איבערלעבונגען, — מוז זי דיזען הסכם זוכען אויף׳ן רעליגיעז־ג י ס ט ל י כ ע ן באָדען, כדי ניט צו קומען אין קאָנפליקט מיט איהר שרייענדען לאַנד־פּאַטריאָטיזם. די אידישע שפראך איז איהר אין אַלע אופנים פרעמד, ס׳איז ניט איהר שפּראַך.

מיט איין וואָרט, קיינע אינטערעסען טרייבען ניט די אידישע בורזשואַזיע אין אַנ׳אַלגעמיין־נאַציאָנאַלען אינסטיטוט. זי קען אין איהם אריינטרעטען ניט צוליב ממשית׳דיגע אינטערעסען, נאָר צוליב צייטוויילינע, איבערגעהענדע אידעאָלאָגישע אָדער פילאַנטראָפּישע איבערלעבונגען. זי קען, זי מוז עס אָבער ניט. דערום איז דער אידישער סיים אין אַלע זיינע פערוואַנדלונגען ניט קיין צוואַנגס־אינסטיטוט, ניט קיין פּאָליטישע איינריכטונג, און די בעריהמטע „אויטאָנאָמיע" בעדייטעט דאָ ניט מעהר, ווי אַ בריים אויסגענוצטע פערבאַנדען־פרייהייט.

פאָדערן אָבער די עקסיסטענץ פון אַ בעזונדערער אידישפּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל האָבען די אויפגאַבע נאָר אונטערצושטרייכלען די בעדייטונג פון דער פערבאַנדען־פרייהייט פאַר׳ן אידישען פאָלק, — דאָס איז אַנ׳אונזין. צוליב אַזאַ „היסטאָרישער" ארבייט איז טאַקי גאַנץ גענוג אַ פּשוטע קאָמיסיע פיר „אידישע ענינים" ביי דער „אַלגעמיינער" פּאַרטיי...

דער בונד האָט עס פערשטאַנען — און פערנעמט דאָס בעשיידענע אָרט פון אַנ׳איינפאַכער קאָמיסיע...

IV.

און זוי האָבען זיך פעראייניגט אויף די פאָרגעשלאָגענע בעדינגונגען, די העלדען פון בונד! אַ שרעקליכער געפּילדער און ליאַרם, אויפ׳ן בונדישען שטייגער, איז פאָרגעגאַנגען דער פער־

איינִיגונג. מען האָט געקלונגען מיט קאַרטאָנען־שיווערדען, מען האָט געקלאָגט מיט פֿאַלשע טרערען, מען האָט זיך צבועת'דיג געקלאַפּט אין די הערצער, שוועהרענדיג אין טרייהייט דעם „אַל־טען בונדישען פֿאָהן". ס'איז אָבער אַלעם געוועזן ניט מעהר, ווי אַן'אָנשטעל, כדי צו ווייזען אַ בייזע מינע דעם „שונא" פֿון איין זייט, און צו בערוהיגען די אויפֿגערעגטע מאַסען פֿון דער אַנדע־רער. און מען האָט זיך דאָך פֿעראייניגט, דערווייזענדיג דערמיט די געמאַכטהייט פֿונ'ם גאַנצען רעש.

דער געשוואָרענער מליצות־זאָגער פֿונ'ם בונד, ה' מעדעם, וויל אַרומשטעלען שיין דעם טוידט פֿון בונד, און ער שרייבט אַן'אַרטיקעל, אין וועלכען ער שטרעבט אין אַ מבול פֿון שיינע מליצות צו פֿערבאָרגען דעם אמת'ן תוך פֿון זיינע אַסימיליאַטאָרישע בעגערען. מיט אַקראָבאַטישע שטיק און מליצה'שע קונצען „דער־ווייזט" ער, דאָס ס'איז אַזוי שלעכט. אַז ס'איז זאָגאַר גוט און אַזוי גוט, אַז ס'איז זאָגאַר שלעכט; דאָס פֿעראייניגען זיך דאַרף מען ניט, ווייל פֿעראייניגען זיך מוז מען, אַז דער פֿעראייניגונגס־אָבמאַך איז אַזוי גינסטיג, אַז ער גיט אפילו דעם בונד ניט די מעגליכקייט צו שטאַרבען, אָבער... אויך ניט די מעגליכקייט ווייטער צו לעבען...

און בעגייסטערט, משמעות, פֿון אַזאַ „טיפֿען שכל" און אַזוינע „הייסע געפֿיהלען", נעמט אָן דער 7־טער צוזאַמענפֿאָהר, וואו ס'זענען געווען אויך פֿאָרשטעהער פֿונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט, אַ רעזאָ־לוציע, וועלכע דערמאָנט אָן דער רעזאָלוציע פֿון דער בעקאַנטער שלום־עליכם'ס אידענע מכוח דעם טעפּעל. „ערשטענס איז דאָס טעפּעל געווען לכתחלה אַ צובראָכענעס, צווייטענס האָב איך עס אומגעקעהרט אַ גאַנצעס און דריטענס האָב איך עס גאָר ניט גע־ליהען", — אין אַזאַ נוסח איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען די רע־זאָלוציע, וועלכע דאַרף בערוהיגען דעם בונדישען פּראָלעטאַריאַט... ערשטענס טויג דער אָבמאַך אויף כפּרות, נאָר צווייטענס קען ער זעהר אַ סך אויפֿטהון, דריטענס איז דער 6־טער פּונקט אַ שעדליכער. נאָר פֿירטענס קענען מיר איהם גלענצענד אויסנוצען און 5־טענס איז שלעכט, נאָר 6־טענס — פֿעראייניגען זיך אום יעדען פּרייז! — דאָס איז דער וואונדערבאַרער אינהאַלט פֿון דיזער „דיפּלאָמאַטישער" רעזאָלוציע...

און זײ האָבען זיך פֿעראײניגט, שווערענדיג אין טרײהײט דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט!...

מיר גלײבען זײ ניט!...

פֿאַר דעם 7-טען צוזאַמענפֿאָהר ערקלערט פֿײערליך ה׳ מעדעם, אז „כל זמן די רעזאָלוציע פֿונ׳ם 6-טען צוזאַמענפֿאָהר פֿון בונד וועגען דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע איז ניט אָבגע-שאַפֿט דורך אײנעם פֿון די פֿאָלגענדע צוזאַמענפֿאָהרען פֿון בונד גופא, בלײבט די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אַפּולווערטיגער פּונקט פֿון אונזער פּראָ-גראַם" *); און אויף דעם 7-טען צוזאַמענפֿאָהר, שוין נאָך דער פֿער-אײניגונג, ערקלערט ה׳ װיניצקי אויך פֿײערליך, אז צוליב דער אָבשאַפֿונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם דורך אַ צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער ר. ס.-ד. א.-פּ. װעט דער בונד פֿון דער „פּאַרטײ" ניט אַרױסטרעטען!... הײנט װי קען מען גלויבען אַזעלכע פּאָליטישע קונצענמאַכער?...

נאָך פֿאַר דער רעוואָלוציע, צוריק מיט 5 יאָהר, האָבען די זעלבע העלדען אויף זײער 4-טען צוזאַמענפֿאָהר אָנגענומען זײער נאַציאָנאַלע „פּראָגראַם". אין דער רעזאָלוציע וועגען דעם ענין ווערט געזאָגט, אַז „רעכענענדיג פֿאַר פֿריהצײטיג פֿאַר יעצטיגע בעדינגונגען די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿיר אידען, געפֿינט דער צוזאַמענפֿאָהר פֿאַר גענוגענד צו קעמפֿפֿען יעצט פֿאַר די אָבשאַ-פֿונג פֿון אַלע אויסנאַמס-געזעצען געגען אידען"... **) און רעכע-נענדיג פֿאַר „פֿריהצײטיג" דעם קאַמפּף פֿאַר נאַציאָנאַלע אויטאָ-

*) וו. מעדעם. Наше Слово № 4 стр. 5. זײן קורסיוו.

**) „מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע פֿון דער אידישער אַרבײטער-בע-וועגונג". רוסיש, פֿערלאַג „טריבונאַ", ס. פּ. ב. 1606. ז. 120. אינטערעסאַנט איז, וואָס די בונדישע אַרויסגעבער האָבען פֿון דער ערשטער, אונלעגאַלער אויסגאַבע „פֿאָרזיכטיג" אַרויסגעוואָרפֿען אײניגע „ניט פּאַסענדע" ווערטער. בע-זאָנדערס איז דאָס צו בעמערקען אויף די זײטען 76—74, וואו ס׳האַנדעלט זיך וועגען די ספּעציעלע פֿאָדערונגען פֿונ׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט. די בעטראַכ-טונגען וועגען דער שפּראַך א. ד. גל. זענען דאָרט, משמעות, געווען צו „ציוניס-טיש-איסקרישע"... ס׳ווײזט אויס, אַז די פֿערגאַנגענהײט איז ניט גאָר אַגלענ-צענדע, באַלד מען שעמט זיך מיט דער אײגענער געשיכטע.

נאָמיע, האָט דער בונד דאָך פֿאַר איהר העפֿטיג „געקעמפֿט“ און איז צוליב דיזער „הלכתא למשיחא“ אַרויסגעטראָטען פֿון דער „פּאַרטיי“. און יעצט, ווען דער קאַמפּף איז בעזונדערס וויכטיג, ווען ס'איז שוין געקומען די רעכטע צייט פֿאַר דיזען קאַמפּף, — יעצט טרעט דער זעלבער בונד אַריין צוריק אין די פּאַרטיי, זיך אפילו ניט פֿערזיכערענדיג די מעגליכקייט איינצוהאַלטען זיין נאַציאָנאַלע „פּראָגראַם“!... „וואָס זשע איז אַזוינס געשעהען?“— פֿרעגט ה' מעדעם. און ענטפֿערט טאַקי גלייך: „ס'האָט זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציע!“...

און מיר פֿערשטעהען זייער גאַנץ גוט, די העלדען פֿון בונד. דעמאָלט, אין דער צייט פֿונ'ם 4-טען צוזאַמענפֿאָהר, האָבען זיי געקענט שפּילען אַ פּאָליטישע ראָליע אין לאַנד, זיך שטיצענדיג נאָר אויפֿ'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט, און דערום האָבען זיי דעמאַגאָגיש גערעדט וועגען נאַציאָנאַלע „פּראָגראַמען“. יעצט אָבער האָט שוין דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פֿאַר זיי קיין בעזונדערן ווערט ניט, יעצט קענען זיי שוין „מאַכען פּאָליטיק“, נאָר עקספּלואַטירענדיג די ענערגיע פֿונ'ם „רוסלענדישען“ פּראָלעטאַריאַט... מיר האָבען זיי דערקענט, די פּאַראַזיטישע גלות-אידלאַך!... נאָך צוריק מיט 50 יאָהר האָט וועגען אַזוינע אידען געשריבען קאַרל מאַרקס: „דאָס יודענטום האָט ניט געקענט בעשאַפֿען קיין נייע וועלט, עס האָט נאָר געקענט אַריינפֿיהרען אין קרייז פֿון זיין פּראַקטיק די בעשאַפֿען-ווערענדע נייע וועלטען, ווייל די פּראַקטישע בעדערפֿניש, וואָס איהר שכל בעשטעהט אין אייגענניציגקייט, איז פּאַסיוו און פֿערברייטעט זיך פֿון זיך אַליין ניט“ *). ניט זיי האָבען בעשאַפֿען נייע וועלטען, ניט זיי וועלען אַזוינע וועלטען בעשאַפֿען, דאָס זענען פּשוטע „דערגרייכער“ אין אַ פּראָלעטאַרישען מאַנטעל.

אַ פֿערבלאָנדזשעטער טייל פֿונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט האָט געשטרעבט צו מאַכען אַ העראָאישע פּראָבע צו לייזען זיין פֿראַגע ניט אויף דעם טעריטאָריאַלען אופן. זיך שטיצענדיג אויף דיזער פֿערבייגעהענדער אונוויסענהייט, האָט אַ געוויסער טייל פֿון

*) ק. מאַרקס. „צו דער יודענפֿראַגע“. רוסישע איבערזעצונג, פֿערלאַג „מאָלאָט“ ס. פּ. ב. 1906. ז. 44.

דער אִידִישער אִינטעלעגענץ מִיט אַסִימִילִיטאָרִישער צביעות געוואָלט אַראָבּפִיהרען דעם אִידִישען פּראָלעטאַריאַט פון זיין הִיסטאָרִישען וועג צו אמת'ער נאַציאָנאַלער פרייהייט. און דורך אַנ'אָפּמאַך צווִישען דִיזער אונוויסענהייט און דִיזער צביעות אִיז דער בונד ענטשטאַנען. יעצט האָט דער אִידִישער פּראָלעטאַריאַט זיין וועג ערקענט, און דִי אִינטעלִיגענץ ווילט צו פערבּאָרגען איהר הִיס־טאָרִישע פאַלשקייט און שאַנדע אונטער די פליגלען פון דעם גרויסען רוסלענדִישען פּראָלעטאַריאַט...

און דער בונד פערשווינדעט...

שיין לעבּען האָבּען זיי נִיט געוואָלט, יעצט זענען זיי נִיט בכוח אפילו שיין צו שטאַרבּען!...

ביכערפֿערלאַג „צוקונפֿט" ווילנאַ.

עס פֿערקויפֿען זיך פֿאָלגענדע אויסגאַבען:

ר. זיידעל. דער נאָרמאַלער אַרבייטס-טאָג (אויספֿערקויפֿט) . . פּרייז 5 ק.

ק. קויטסקי. די אינטערעסען פֿון די היינטיגע קלאַסען (אויספֿ.) „ 7 „

ק. מארקס און פֿר. ענגעלס. דער קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט „ 6 „

ק. מארקס. לוינאַרבייט און קאַפּיטאַל, מיט דער פֿאָררעדע
פֿון פֿר. ענגעלס . . . . „ 7 „

א. מירבא. ושאַן און טאַדלענע, אַ דראַמע פֿון אַרבייטער לעבען
אין 5 אַקטען . . . . „ 15 „

ש. ניגער. וואָס איז אַזוינס דער אידישער אַרבייטער? . . . „ 4 „

דניאלי, אונזערע קריטיקער . . . . „ 15 „

יעקב לעשצינסקי. דער אידישער אַרבייטער (אין רוסלאַנד) „ 50 „

ש. אש. משיח'ס צייטען, אַ דראַמע אין 3 אַקטען . . . . . „ 35 „

א. באָריסאָוו, מאַקסימום העזה און מינימום ערנסטקייט . . . „ 22 „

ל. ים, צו דער פֿעראייניגונג פֿון בונד מיט דער ר. ס.-ד. א.-פּ. „ 7 „

עס וועלען גאָר אין גיכען ערשיינען:

יעקב לעשצינסקי, דער אידישער אַרבייטער (אין לאָנדאָן).

ביי בוכהענדלער בעקומען ראַבאַט.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

Книгоиздательство „ЦУКУНФТЪ" Вильна.

אַלע אויסגאַבען פֿון „צוקונפֿט" פֿערקויפֿען זיך אויך:

Книжная торговля „ЭЗРО", С.П.Б. Казанская 35.